בס"ד

שנה ג'
נומער קמ"א
**פרשת שופטים**
תשפ"ב

# קרית ברסלב
## בלומל



# היסטארישע חנוכת הבית

## פארן בנין קרן הדפסה היכל הקודש ליבערטי ניו יארק זונטאג שופטים

**א מעשה פון תפילה פאר קינדער:**
אייבערשטער העלף מיין באבע זאל קומען צו די פלעי

**נייעס:**
פערטע בית פיגא שולע עפענט
אידע טוערן אין ירושלים עיר הקודש

**א סעודה מיטן ראש ישיבה שליט"א:**
הפצה ביזנעס





**א בריוו**
התגרות באומות
3



**צום פינטל**
דער דורכגעפאלענער טריק
6



**אומן נייעס**
אפדעיטס וויאזוי מען פארט דאס יאר קיין אומאן
13



**א בריוו פונעם ר"י**
איך הייב אן טראכטן אז ברסלב איז דער וועג
15



**נאך וועם הייס איך?**
אפגעשיידט פון די ערב רב
25



**בילדער אפטיילונג**
בילדער פון שמחות אין די קהילה
30




# קרית ברסלב בלעטל


רעדאקציע:
מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, אברהם הערש וועבערמאן,
אברהם יצחק אייזנער, יחזקאל שרגא שארף, שמואל בער שניטצלער

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org

צו אדווערטייזן אדער אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161

136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM


## זמנים Liberty

פרשת שופטים ז' אלול תשפ"ב

הדלקת הנרות......... 07:12
מוצאי שבת ............ 08:40

מנחה מעריב כי תצא ... 08:15

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 02 | 78°/53° | | Sunny |
| Sat 03 | 84°/59° | | Partly Cloudy |
| Sun 04 | 85°/58° | | Partly Cloudy |
| Mon 05 | 82°/58° | | Partly Cloudy |
| Tue 06 | 80°/58° | | Scattered Thunderstorms |
| Wed 07 | 80°/56° | | Partly Cloudy |
| Thu 08 | 78°/55° | | Mostly Sunny |
| Fri 09 | 79°/55° | | Mostly Sunny |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן רכ"א


## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר א הערצליכן מזל טוב פאר א חשובע משפחה אין שטעטל

**מו"ה יונה זינגער הי"ו דיין דקהילתנו**
**וזוגתו מרים רבקה תחי'**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער.

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר א הערצליכן מזל טוב פאר א חשובע משפחה אין שטעטל

**מו"ה יואל אפענהיים הי"ו**
**וזוגתו שרה רבקה תחי'**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער.



# בריוו צו די
# רעדאקציע

### באמת א אומפארטייאישע צייטונג...

ברוך השם אז איך ליין נישט קיין שום צייטונגען, אבער אייערע בלעטער האבן נושא חן געווען ביי מיר, עס איז זייער שיין, זאפטיג און דער עיקר ערליך. מיינע ליין מאטריאל היינט צוטאגס זענען די אלע ליטעראטור וואס איר געבט ארויס, איך ליין די בריוון פונעם ראש ישיבה, עצתו אמונה, דער גליון היכל הקודש, די סיפורי מעשיות בלעטל, און אזוי אויך די קונטרס אשר היה, און חזית איש פירוש אויף זוהר הקדוש, און פארשטייט זיך אז די שיינע שטעטל קרית ברסלב בלעטל ליין איך אויך יעדע וואך, אייערע ווערטער האבן באמת נישט דווקא צו טון מיט ברסלב, ווער עס געדענקט אמאל האבן די צייטונגען וואס האבן פיין... באלאנגט צו פארטייען - געהאט די חוצפה צו שרייבן אויפן ערשטן בלעטל אזעלכע ווערטער ווי: אומאפהענגיגע אומפארטייאישע ארטאדאקסישע צייטשריפט (קען זיין היינט שרייבן זיי עס נאך אלס, אבער איך האב שוין ב"ה נישט גענומען קיין אידישע צייטונג אין די האנט פאר איבער צוואנציג יאר צום גוטן) אבער איך מיין אז אייער צייטונג פארדינט ערליך די טיטלען ווייל עס טוט נישט נעמען קיין שטעלונג אין קיין שום פארטייאישע צד, עס טוט דעקן זייער שיין אלעס וואס א איד דארף צו וויסן.

צווישן די

אלע אויבדערמאנטע ליין מאטריאל וואס איך האב אויסגערעכנט איז דא א כל בו פון אלעם, עס איז דא תורה, חסידות, יראת שמים, שיינע רייכע ארטיקלען, נישט מער און נישט ווייניגער דארף א אידישע שטוב האבן.

וואויל איז אייך אז איר האט גענומען די מיה צוזושטעלן אזעלכע שיינע רייכע אויסגאבעס.

**מרת פ. ווייס - לעיקוואוד**

### התגרות באומות

פותחים בכבוד אכסניה, איך וויל אייך באדאנקען פאר אייער שיינע ערליכע בלעטל. איך האב געוואלט מעורר זיין איבער א געוויסע ענין. איך ווייס נישט צו דער פלאץ איז ביי אייך עס אריינצוליייגן, אבער איך זע ווי עס בויט זיך א נייע יונגע קהילה, א קהילה וואס האט אין אזא קורצע צייט זוכה געווען צו זיין א אויבן אן פון די ערליכע אידישע קהילות, וואס טוען צושטעלן אלע באדערפענישן וואס א קהילה באדארף צו האבן.

ווער עס קוקט מיט א אמת אויג זעט אז די וועג ווי אזוי עס איז געגאנגען ביז יעצט און דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער אז משיח זאל שוין קומען און מיר זאלן ארויסגיין פון דעם גלות, זעט אויס אז ביז דערווייל וועט דאס ביז א קורצע צייט ווערן פארוואנדלט אין א עיר ואם בישראל.

איך האב געוואלט מעורר זיין, איר האט געברענגט אזוי שיין מלוקט פון ספרי רבינו



הקדוש מ'סאטמאר זי"ע, וואס באמת איז אייער רבי דער מוהרא"ש געווען א תלמיד פונעם סאטמאר'ן רבי, זיין טאטע איז געווען א תלמיד, און אויב איך מאך נישט קיין טעות איז זיין זיידע אויך געווען א תלמיד, אבער דאס איז זיכער אז די גאנצע משפחה ולמעלה בקודש זענען סאטמאר'ע תלמידים.

איך האב געוואלט צולייגן א ענין, ביי די וועלט איז באקאנט אז דער סאטמאר רבי זי"ע האט געשטורעמט איבער התגרות באומות, אז מדינת ישראל האט שרעקליך געטון אויפרייצן די פעלקער אנטקעגן אידן, און אזוי טוט זי ווייטער ליידער.

אבער דא איז דא א נקודה וואס מענטשן כאפן נישט, מיר האבן ארגאניזאציעס וואס טוען באמת ארויסהעלפן אידישע קינדער, עס איז ענדלאז די נעמען פון די פולע חסד אפטיילונגען ביי כלל ישראל, ווי אידן זענען זיך מוסר נפש פאר א צווייטן בלויז וויל יענער איז א איד, מי כעמך ישראל, אבער דא דארף ארויסגעברענגט ווערן אז ארגאניזאציעס דארפן אזוי שטארק אכטונג געבן צו געדענקען אז מיר זענען אין גלות, מיר האבן עס נישט, מיר זענען דא וואו דער אייבערשטער האט אונז געלייגט, און מיר בעטן יעדן טאג אז מיר זאלן האבן א רואיג ווינקל בכל מקומות מושבותינו, מען זאל חס ושלום אונז נישט שטערן און טשעפענען עד ביאת הגואל, אבער מען דארף אזוי שטארק אכטונג געבן נישט צו נעמען קיין שטעלונג אין פאליטיק, אוודאי און אוודאי נישט אראפרייסן א נישט אידישער קאנדידאט, וכדומה.

דאס זעלבע איז ביי די ארגאניזאציעס וואס העלפן אידישע קינדער, עס איז א מורא'דיגע זאך וואס די אינגעלייט און בחורים טוען, זיי העלפן באמת אידישע קינדער, אבער דאס קען נאר גיין באופן אז מען רייצט זיך נישט אפילו מיט א איינצעלעם גוי, וויפיל מאל קען ליידער פון איין מעשה וואס מען האט אפגעטון א גוי, - וואס יעצט איז ער טאקע אין א אידישע שטאט, ער איז הילפלאז קעגן די 'מעכטיגע' אינגעלייט מיט זייער בליטשקעדיגע לעקטערס און קאר'ס - אבער עס גייט אריבער א קורצע צייט און די מעשה דרייט זיך איבער, דער יעניגער געפינט זיך אין זיין געגענט און ער קען חס ושלום נקמה נעמען אין א צווייטע איד.

וועגן דעם האב איך געוואלט אז איר זאלט אינאכט נעמען יעצט אז איר בויעט א קהילה נעמט אין געדאנק אז די זאך פון התגרות באמות איז נישט נאר מדינת ישראל, נאר עס קען זיין א קליין שטעטל א קליין קהילה, און אפילו צומאל א יחיד וואס קען חס ושלום אויפרעגן א גוי און די תוצאות קענען זיין זייער נישט גוט.

**ב.ב.ש.**

### מיין נסיעה קיין אומאן אונטער קאמוניזים

לכבוד חברי המערכת קרית ברסלב בלעטל

איךליין און איך זע אז מען גרייט זיך צו פארן קיין אומאן טראץ די מלחמה וואס בוזשעוועט דארט צווישן רוסלאנד און אוקריינע, איך רעד נישט אריין אין דעם נושא, עס באלאנגט פאר מנהיגי ישראל, בפרט אז איר האט א ראש ישיבה וואס פירט אייער קהילה.

איך האב געוואלט צולייגן א ווארט צו דעם, איך בין נישט קיין ברסלב'ער, אבער איך געדענק ווי אלס בחור ווען די גרעניצן זענען געווען פארשפארט אין די צייטן פון קאמוניזם, איך האב געהאט געזען די ווערטער פון רבינו הקדוש מ'ברסלב זי"ע איבער די גרויסקייט פון גיין אויף זיין ציון, עס איז געווען ממש אזוי ווי איינער זאל זאגן מען פארט ארויף אויף די לבנה, עס קען זיין אויב איך וואלט געוויסט אז עס וועט צאמפאלן קאמוניזם וואלט איך נישט געטון די מסירת נפש, אבער דעמאלטס האט

נישט אויסגעזען אז עס גייט זיך עפעס טוישן, איך בין געווען א בחור אוועק פונדערהיים, עס האט מיר געעגבערט אין מח: ווער ווייסט אפשר וועט איינגאנצן פארשלאסן ווערן אומאן, אפשר וועט די מצב ווערן ערגער, איך האב נישט געוואלט אריינעמען אין קאפ אזא זאך אז איך וועל אוועקגיין פון די וועלט אן אריינכאפן דעם תיקון הכללי ביים ציון פון רבי נחמן זי"ע.

איך האב דעמאלט געווען אפאר חברים, מיר האבן אפגעמאכט צווישן זיך אז ביז מען קומט צוריק וועט מען קיינעם אין די וועלט נישט אויסזאגן, איך האב געציטערט פאר מיין לעבן יעדע רגע, און איך האב געציטערט אז מיינע עלטערן זאלן נישט געוואר ווערן און חס ושלום כאפן א הארץ אטאקע ווען זיי וועלן הערן אז זייער זון איז געפארן אין א פיינטליך לאנד צו אמעריקע, אבער איך בין געפארן, עס איז געווען יענע נסיעה, א קע"י דש"י ב"י אגענט האט אונז באגלייט די גאנצע צייט, מען האט געדארפט היטן יעדעסווארט וואס מען האט גערעדט, ווען איך האב ווען מער צייט וואלט איך געשריבן וועגן דעם נסיעה באריכות, איך געדענק ווען איך בין צוריקגעקומען בשלום בין איך געווען אזוי פרייליך, איך האב געוויסט אז דער צדיק וועט אפמעקן אלעס און איך וועל פטור ווערן פון די שרעקעדיגע עונשים אויף די וועלט און יענע וועלט.

ביטע נישט פארעפנטליכן די נאמען וואס איר זעט אין די אימעיל, איך שרייב אייך די ראשי תיבות און ווער עס וועט וויסן זאל וויסן. יישר כחכם

**מ.א.מ.**

איך האב אזוי שטארק הנאה פון די אלע נייע צוגעלייגטע זאכן ווי למשל 'א רייזע מיט פישל', ס'איז דאך אזוי צוקער צו זען ווי פישל איז זיך מחיה ווען ער זעט ווי א אינגל נוצט אויס די צייט מיט'ן זאגן משניות און ווי יענער רעדט זיך אפ אז עס רוקט זיך נישט די באן - שרייט ער צום אייבערשטן. אויך די אויסנאם שיינע שטיקלעך וואס מען האט געשריבן לכבוד די יארצייט פונעם הייליגן סאטמאר'ער רבי'ן זי"ע פון שטיקלעך אשר בנחל און עצתו אמונה.

אויך געפעלט מיר זייער די זאך פאר די קינדער אז מ'מאלט בילדער אויף מעשיות פון תפילה. די זאך לכשעצמו איז דאך אייזן. אסאך מאל לייגן אריין קינדער גאר פשוט'ע מעשיות אבער דאס איז זייער א שטארקע זאך, ווייל יעדע קליינע זאך וואס מ'בעט דעם אייבערשטן איז דאך באמת א ריזיגע מעשה.

אויך די נקודות טובות איז מחיה נפשות ס'איז אזוי שיין צו זעהן די קאלירפולקייט פון אנשי שלומינו יעדער האט זיך זיין קוועטש און זיין שמעק און זיין געדאנק.

דער ראש ישיבה האט לעצטנס געשריבן פאר איינעם אין 'עצתו אמונה' אז ער האט זייער מיטלייד מיט אים און פון די אנדערע זייט איז ער זייער פרייליך מיט אים; פון איין זייט גייט יענעם נישט קיין שידוך אבער פון דער אנדערע זייט איז אזוי שיין צו זען ווי ער דערהאלט זיך.

שפעטער האב איך מיר געגעבן א כאפ אז דאס זייער שטארק נוגע פאר יעדעם איינעם, א מענטש קלאפט זיך אראפ און ער איז נישט צופרידן פון זיך, ווייל ער קען זיין בעסער און מאכן מער מצוות און זיין מער פרייליך, אבער פון דער אנדערע זייט זאל זיך דער מענטש מחי' זיין מיט זיינע אלע גוטע נקודות, יעדער דארף ארבעטן און טרעפן זיינע אייגענע גוטע נקודות וואס ער איז גוט און מיט דעם זיין פרייליך.

**יחיאל הורוויץ לאנדאן**

## זיך מחי' זיין מיט די גוטס

א גוטן ערב ראש חודש צו די הייליגע מערכת קרית ברסלב בלעטל.




This Photo by Unknown
licensed under CC BY-SA-NC

# צום פינטל.

## דער דורכגעפאלענער טריק.

דערווילעם איז דאך הונגעריג, פאריגע וואך איז דאך נישט געווען וואס צו ליינען, די וואס האבן געפאלגט די שווערע בקשות און תחנונים אז מען זאל נישט ליינען דעם ארטיקל, זיי זענען זיכער הונגעריג, זיי האבן דאך שוין אזא לאנגע צייט - כמעט צוויי וואכן - וואס עס פעלט זיי צום פינטל, ווייטער די איבער חכמים וואס האבן גענומען דעם שאנס און האבן יא געליינט, זיי דרייט זיך דאך נאך דער קאפ פונעם ארטיקל... אזוי צו נעמען מענטשן אויף א רייד...? לא בחינם האמיר געווארענט פאריגע וואך נישט צו ליינען, זיי דארפן זיכער עפעס א נייער ארטיקל וואס זאל זיי צוריקדרייען די קאפ, דרייען אויף צוריק, אזוי אז עס זאל זיך באלאנסירן.

דאס איז שוין אזוי געבליבן, אז צום פינטל איז אלעס ארום און ארום אויסער צום פינטל...

דאס איז בנוגע די ליינער, און דער שרייבער, פון אים וויל איך שוין נישט רעדן, אזוי צו דרייען מענטשן א קאפ, אין ענגליש זאגט מען וואטס ראנג וויט יו?

גלייב מיר: איך שרייב עס נישט! סאו קום נישט צו מיר מיט קיין טענות, קען זיין איך האב איין צוויי מאל געשריבן, אבער כהיום יום שרייב איך שוין נישט... אדרבה, פראביר אויסצוגעפינען ווער עס שרייבט עס, קענסטו אויף יענעם שרייען, נו גיי געפון אויס... מאדאך די דריי פינטלעך אין עצתו אמונה קענסטו נישט אויסגעפינען ווער עס איז, נו ווי אזוי טראכסטו אז איין פינטל קענסטו יא אויסגעפינען ווער דאס איז?

איך פרעג דיר באמת די האלטסט אז איך שרייב די ארטיקלען דא יעדע וואך? איך שרייב נישט, איך זיץ ביים קאמפיוטער און איך דרוק קנעפלעך, איך טייפ...

ווי אזוי עס זאל נישט זיין, איז עס 'דער' שרייבער, איז עס 'יענער' שרייבער, ס'איז דא א לימוד זכות. געהערט א אמאל פון א בעל דרשן, האט ער געטראפן א רמז אין די פסוק אויף דעם, אז עס איז דא אמאל וואס אויב מען וויל אריינברענגען דעם אייבערשטן אין א מענטש דארף מען אים נעמען אויף א רייד, זאגט ער: שטייט דאך אין פסוק דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו '**לך רד כי שחת עמך**', סתם אזוי קען מען רעדן דברי תורה צו א מענטש, מעורר זיין, מחזק זיין, אבער צומאל איז די קאפ אזוי נישט צום געפינען, די קאפ ליגט אזוי אין קאלאטשן אז מען מוז נעמען יענעם אויף א רייד, דאס זאגט ער בדרך צחות '**לך רייד...**' גיי מיט די אידן נעם זיי אויף א רייד '**כי שחת עמך...**' וויל דיין פאלק איז פארדארבן, צו זיי רעדט שוין נישט קיין סתם תורה'ס, מיט זיי דארפסטו שוין ארומדרייען



און אזוי ארייננברענגען דעם אייבערשטן.

און באמת אפילו בפשטות איז דאך אויך אזוי פשט, **'לך רד'** יעצט דארפסטו זיך שוין אראפלאזן צו זיי רעדן אויף מער א נידריגערע לעוועל, אז דער מענטש האט שוין געטון עבירות, אזא איינער איז אויסגעלאשן, צו אים איז שוין שווער סתם אזוי צו רעדן, די מוזט שוין אראפגיין צו זיין מח.

אזוי האט דאך דער הייליגער רבי געזאגט: "איך זע אז תורה'ס העלפט אייך שוין נישט, וועל איך אנהייבן מעשיות דערציילן!". מיט א פארדרייטע קאפ, א קאפ וואס איז שוין פארדארבן, ברויכסטו שוין נעמען אן אנדערע ליניע כדי ארייינצודרינגען דארט דעם אייבערשטן, מיט מעשיות, משלים און צומאל ארטיקלען וואס האבן נישט קיין פינטל... אבער זיי זיכער אז ער מיינט גאר עפעס אנדערש, אלעס איז מיט איין כוונה צוריקצוברענגען דאס פארלוירענע בת מלך צום אייבערשטן.

* * *

דער נביא זאגט: **קחו עמכם דברים**... ניין, נישט דאס האב איך געוואלט זאגן, מען האט ד א ך געשמועסט אז דער עולם דארף נישט קיין טייטשן, קיין פסוקים און קיין תורה'ס, נו לאמיר זען וואס מען קען עפעס אויפקומען די וואך...

* * *

קינדער איר שפילו זיך שיין? וואס שפילט עטץ? זייער שיין! אבער מ'דארף אוועקפאקן די געים'ס מיט די ביכער, די אלע צעטלעך פאפירן, פענ'ס און פעדערס, מאמי דארף זיך נישט אראפבייגן אויפהייבן די שפילצייג וואס איר פאקט אויס, מ'קען נישט לאזן די הויז צעווארפן, אז מען נעמט ארויס א געים צו שפילן, מוז מען טראכטן אז מען וועט דאס דארפן צוריקלייגן, און אויב מען קען זיך דאס נישט אונטערנעמען קען מען נישט אויספאקן.

פיין! איר האט נישט קיין נערוון אוועקצופאקן, קענט איר שפילן א געים וואס מען דארף נישט אויספאקן, מ'קען שפילן איי ספיי, מ'קען שפילן נעמען, מ'קען שפילן פיר און צוואנציג פראגן, מען קען מאכן חידות, טריק'ס, עס איז דא גענוג און נאך וואס צו שפילן.

איך גיי יעצט לערנען מיינע שיעורים, און איך וויל זען ווי שיין איר קענט זיך שפילן אן שטערן טאטי פון לערנען, נישט אויפוועקן מאמי. נתי, דו קענסט ברענגען א קדשים משניות, א כתובות גמרא. ניין! חומש האב איך שוין געלערנט אין בית מדרש אינדערפרי נאכן דאווענען, קענסט ברענגען א נ"ך שמואל ב', א תיקונים, א ליקוטי מוהר"ן, ברענג מיר אויך מיין בי"ת פון מיין רעקל טאש.

ששש שפילט שיין

איך הער שוין די קינדער פאר'דביקות'ט אין זייערע שפילערייען:

געס אויב איך ריר דיך אן? הער איך נתי פרעגן פון שלמה'לען.

איך קוק מיך צו פון דער זייט, יארן לויפן, איך געדענק דאך עס ווי עס וואלט געווען נעכטן, ווען איך האב געמאכט די טריק פאר מיין יונגערע ברודער...

נתי רירט אן שלמה'לען מיט זיין שפיץ פינגער אויף זיין רוקן, און מיט די פינגער פונעם רעכטן האנט פינטלט ער קעגן שלמה'לעס נאז, און פרעגט: איך ריר דיך אן? יא אדער ניין?

שלמה'לע קוקט זיך ארום פארזיכטיג, ער טאפט זיין פנים, זיין נאז, צו פילן אויב נתי רירט אים באמת נישט אן, נאכן זיכער מאכן אז ער האט די ריכטיגע ענטפער, רופט ער אויס מיט א זיכערקייט, ניין! די רירסט מיך נישט אן!

נתי פלאצט אויס א זיגרייכער: העע... קוק! איך ריר דיך יא אן! איך ריר דיך



אן מיט מיין אנדערע האנט, אויף די שפיץ פינגער ריר איך אן דיין רוקן. דא איז נתי מסביר פאר שלמה'לען ווי אזוי די טריק ארבעט: דו האסט נאר געקוקט אויף מיין רעכטע האנט, איך האב זיכער געמאכט אז דו טראכסט נאר פון די האנט, אזוי האב איך אוועקגענומען דיין קאנצענטראציע פון די אנדערע האנט, דאס איז די טריק, פארשטייסט? מען מאכט מיט די רעכטע הענט הענט מען דרייט עס נאנט צו די פנים, אזוי כאפסטו נישט אז מען רירט דיך אן פון א אנדערע זייט.

יעצט מאך מיר א טריק שלמה'לע, איך זע ווי שלמה'לע רוקט צו שטייטערהייט זיין פיס צו נחמן'ס פיס, און מיט ביידע הענט און אלע צען פינגער'ס אויסגעשטרעקט אנטקעגן נתי'ס פנים און פרעגט צוריק די זעלבע שאלה: איך ריר דיך אן?

נתי געבט א שריי אן צו דארפן טראכטן און מיט א זיכערקייט ענטפערט ער: ניין! דו רירסט מיך נישט אן, ער זעט דאך שלמה'לעס אלע צען פינגער, ביידע הענט זענען פארענט פון אים.

שלמה'לע האט - זעט אויס - גוט געכאפט די שפיל, ער קען עס נאך בעסער פון נתי וואס האט אים עס אויסגעלערנט, ער ווייזט: קוק נתי, קוק אויף דיין שיך, איך האב דיך יא אנגערירט, טאקע נישט מיט מיין הענט, אבער מיט מיין פיס ריר איך.

איך האב הנאה געהאט צו זען ווי זיי שפילן, און עס בליצט מיר אויף א געדאנק, איך טראכט מיר, אהא! איך האב שוין אן ארטיקל פאר די וואך.

* * *

דו כאפסט נישט, אז מען שפילט ארום מיט דיר דעם זעלבן שפיל, וואס אינטערעסאנט איז, אז א קינד איינמאל דו זאגסט אים אויס ווי אזוי דער טריק ארבעט, איז ער שוין פארזיכטיג נישט צו ווערן אריינגעג'נער'ט אין זאק אריין, אבער דיר וויפיל מאל איך זאג דיר אז עס איז א טריק, מען ארבעט אויף דיין מח, זע איך אז די טריק ארבעט נאך אלס אויף דיר, און דו פאלסט אריין אין פאסקע יעדעס מאל.

איך וועל דיר זאגן, איך האב געהאט מיט צוואנציג יאר צוריק א חבר, אוי איז ער ביטער געפאלן א קרבן, ער האט געהאט א געשעפט פון טייערע זייגער'ס, איין טאג קומט אריין א קאסטומער אין געשעפט, ער קוקט זיך אום אויף די דיספלעי וואס מען קען דא קויפן, ער פרעגט, ער האנדלט, ווען פלוצלינג געבט ער א כאפ א זייגער און יאגט ארויס דערמיט, דער באלעבאס כאפט הענט און פיס און יאגט אים נאך אין די גאסן, ער לויפט, ענדליך נאך אפאר גאסן האט ער אים געכאפט, ער האט געהאט גע'גנב'עט גאר א טייערע זייגער, ברוך השם מיט די הילף פון די פאליציי האט מען

באוויזן צוריקבאקומען דעם טייערן טויזענט דאלער'דיגע זייגער.

וואס ער האט נישט געכאפט איז געווען אז אינדרויסן איז געווען גרייט א צווייטער פארשוין, עס איז געגנוי א אפגעשמועסטע זאך, דער ערשטער וועט אפיאגן מיט א זייגער, און בשעת דער באלעבאס וועט אים נאכיאגן וועט דער צווייטער ליידיג מאכן דאס געשעפט...

און כך הוה ווען דער באלעבאס קומט צוריק אין געשעפט, האט ער געטראפן נאר שיינע פיר ווענט, יא דער גנב האט איבערגעלאזט פארן באלעבאס א קליין זייגער... א מתנה, זעט אויס פאר שכר טירחה פארן אים אזוי שיין ארויסהעלפן אויספירן די גניבה...

אלס קינד איז עס מיט א קליינע טריק, ווען ביי דעם זייגער סוחר איז עס שוין געווען א האלב מיליאן דאלער'דיגע גאר קאסטבארע טריק, אבער ביי דיר זע איך ווי עס איז פיל ערגער, די טריק ארבעט אויף דיר גאר שטארק, עס איז נישט א זייגער געשעפט ווי ער איז ארויס מיט א האלבע מעלאנע שאדן, ביי דיר איז עס א לעבן זאך, מען ארבעט אויף דיר מיט די זעלבע טריק אבער ביי דיר גרעניצט זיך עס מיט דיני נפשות, עס איז לעבן און טויט אינוואוולד, א טריק געמאכט, און די לעבן פארקלאפט. דו הרג'עסט דיין לעבן!

* * *

וויפיל מאל איך האב שוין אנגעהויבן היטן מיינע אויגן, היינט האב איך שוין נישט געקענט אויסהאלטן די דרוק פונעם יצר הרע, וויפיל טעלעפאנען האב איך שוין אוועקגעווארפן, איך בין אזוי צובראכן, פארוואס האב איך נאכאמאל געדארפט אראפ פאלן.

שלימזל... אוי שלימזל...
וויפיל מאל האב איך שוין אנגעהויבן פון דאסניי, איך האב נישט קיין כח מער, עס איז נישט פאר מיר, יעדן טאג זאג איך נאכאמאל היינט גיי איך מיך נעמען אין די הענט אריין היינט גיי איך לערנען, היינט גיי איך היטן מיינע אויגן, היינט גיי איך רעדן שיין צו מיין ווייב, היינט גיי איך נישט בארעדן קיין מענטשן, היינט גיי איך קוקן אויף מיינע קינדער, עס איז נישט פאר מיר, וואס איז די פוינט פון זאגן טויזנט מאל פארן אייבערשטן: איך הייב אן פון יעצט! ווען א מינוט שפעטער פאל איך ווייטער?

יעדע זאך האט א שיעור, איך פיל מיך ווי א אויסגעשפילטע לא לנו, איך פיל מיך ווי א עקלדיגער מענטש, א גאנץ לעבן וועל איך טון נארישקייטן, און זאגן: אוי אייבערשטער איים סארי? עס נעמט נישט קיין סוף, איך שפיל מיך אליינס דא אויס?

דו כאפסט נישט אז מען שפילט מיט דיר ארום, דאס איז א טריק, איך וועל דיר זאגן, איך האב געלערנט די גמרא, די פסוקים וואס רעדן איבער דעם ענין פון תשובה טון, איך האב אריינגעקוקט אין רמב"ם, אין די ראשונים, אין די אחרונים, איך בין געווען זיכער אז עס איז דא כאטש איין פוסק וואס לייגט אראפ א פיס, וואס הייסט! א מענטש גייט 'זיך' זינדיגן יעדן טאג, און נאכדעם גייט ער 'זיך' תשובה טון? איך בין געווען זיכער אז עס איז דא א שיעור, א שיעור חזון איש... א שיעור גר"ח נאה... אזוי ווי אלע זאכן אין די תורה, א מקוה איז כשר נאר אויב עס האט פערציג סאה, צו בענטשן ברכת המזון מוז מען עסן א כזית, שיעור טומאה איז כעדשה.

איך בין געווען זיכער אז תשובה האט אויך עפעס א געוויסע שיעור, למשל אויף א דארע עבירה, קען מען תשובה טון ביז צוויי אין זיבעציג מאל כמנין ע"ב... א דיקערע עבירה קען מען תשובה טון ביז דריי און זעכציג מאל כמנין די שם ס"ג, א גראבע עבירה קען מען אפשר תשובה טון כמנין שם הוי'ה, זעקס און צוואנציג מאל, אבער מער פון דעם איז עס שוין סתם חוכא וטלולא, זאגסט דו גייסט זיין גוט... הע... נאך אזוי פיל און אזויפיל מאל טון עבירות, איז עס שוין זיכער גערעכנט ווי די מאכסט ליצנות פון די גאנצע זאך פון תשובה... און ווייטער אויב האסטו עובר געווען אויף גאר א גראבע עבירה אממ... איך האב פראבירט מעיין צו זיין, איך בין געווען זיכער אז כאטש איינער וועט זיך ארויסשטעלן... מען קען דאך נישט צולאזן מענטשן טון וואס מען וויל, אז מען ווייסט אז מען קען הונדערט טויזנט מאל תשובה טון, מען קען אלעמאל אנהייבן פון יעצט, וועט מען זיך נאך גיין זינדיגן, און זיך נאכדעם גיין תשובה טון. מען טוט זיך וואס מען וויל, און ס'תשובה'ט זיך!? אזוי?!



וויפיל איך האב געזוכט און גענישטערט האב איך נישט געקענט טרעפן קיין איין פוסק וואס זאל פון אונז קעיר נעמען, אין גם אחד וואס זאל אונז שטעלן אין טרעקר... קיין איין פוסק איז נישט דא צו זיכער מאכן אז מיר נעמען זיך נישט אליין דאס געזעץ אין די האנט, וואס איז טאקע פשט? האט עס טאקע נישט קיין שיעור? מען קען תשובה טון יעדן טאג? ניין! נישט יעדן טאג, נאר יעדן טאג א מיליאן מאל!

נו אז מען קען כסדר תשובה טון, וואס איז די פוינט פונעם

יצר הרע, וואס איז **זיין פינטל** פון מאכן מענטשן זינדיגן.

אהה! דאס איז וואס איך האלט דיר אין איין זאגן, און וויפיל מאל איך זאג עס דיר בלייבט עס נאך אלס א סוד, עס טוט זיך דא א שווערע טריק, דער יצר הרע דארף נישט דיין עבירה ער טאנצט ארום און ארום די עבירה אז דו זאלסט מיינען אז ער רירט דיך אן, אבער וואס, ווי, ווען, ער קען דיך נישט אנרירן מיט די עבירה, די עבירה ווי גראב און דיק און גרויס עס זאל נאר נישט זיין קען ער דיך נישט אוועקשלעפן פונעם אייבערשטן, דו קענסט דאך גלייך זאגן: **אייבערשטער איך וויל זיין גוט, אייבערשטער איך גיי זיין גוט, אייבערשטער איך האב א יצר הרע וואס מאכט מיך משוגע, דו ביסט מיין טאטע, איך האב דיך באמת ליב, דו מיינסט אז איך וויל דיך ווי טון, דו מיינסט אז איך וויל זינדיגן, איך בין נעבעך אזוי צובראכן פון דאס וואס דער יצר הרע טוט מיט מיר, ממש ער בעלעבאטעוועט אין מיר כאדם העושה בתוך שלו, אייבערשטער העלף מיר איך זאל מיר קענען ארויסדרייען פון די קלעב וואס ער האט מיך אנגעקלעבט צו די אלע ביטערע עבירות.**

די זאגסט דאס ארויס, און אלעס איז אפגעמעקט, דער יצר הרע טרעט מיט די פיס אויף דיינע הינער אויגן, דו כאפסט בכלל נישט אז ער כאפט דיך אן פון דער אנדערע זייט, ער זיצט אויף דיר, דו מיינסט אז דער יצר הרע האט דיך געכאפט ווייל ער האט דיך געמאכט אראפפאלן אין עבירות, ער איז ווייט פון דיך אנכאפן, אבער ער טרעט אויף דיר מיט די פיס, די חלומ'סט נישט אז ער האט דיך געכאפט אין זאק אריין, דו ווייסט ווען? ווען דו זאגסט נע! איך האלט אין איין פאלן! עס איז נישט פאר מיר! דאס איז געווען די טריק זיינע, וועגן דעם האט ער געמאכט אזא קעמאושן ארום די עבירה, אז דו זאלסט נישט כאפן אז ער כאפט דיך אן פון די אנדערע זייט, ער האט נישט אינזין דיך צו מאכן זינדיגן, ער האט אינזין גאר עפעס אנדערש, ער ווארט אויף נאך די עבירה, ער ווארט צו הערן די ווערטער: עס איז נישט פאר מיר! איך קען שוין נישט תשובה טון! איך פאל סיי ווי גלייך נאכאמאל דורך! איך קען סייווי נישט זיך האלטן שטארק! קיין ערליכער איד וועל איך סיי ווי שוין נישט זיין! דו זעסט? דאס איז זיין טריק.

די עבירה איז ווערדלאז, א ביליגע טויזענט דאלער'דיגע זייגער נישט אויף דעם לאקערט ער, ער ווייסט אז ביז אפאר מינוט האסטו עס צוריק, אייו ווארט צום אייבערשטן און דער זייגער איז צוריק, וואס יא? ווען די קוקסט נישט, דו כאפסט נישט אז ער כאפט דיך אריין פון גאנץ א אנדערע זייט!

א כפרה דער זייגערל, ער וויל פארשפארן דאס גאנצע געשעפט! דאס איז זיין גאנצע חכמה, דאס איז זיין גאנצע טריק, ער מאכט דיך זינדיגן נאכאמאל און נאכאמאל און נאכאמאל, אין זיין גאנצע כוונה איז איין ווארט: פארשפאר די געשעפט! געב אויף! טו שוין נישט תשובה!

יעצט האב איך א מורא'דיגע טענה אויף דיר, איך האב דיר דאך שוין אויסגעזאגט די טריק, נו! וואס איז מיט דיר? וואס ביסטו נאך אלס צובראכן פון דיינע עבירות? פארוואס האסטו אפגעמאכט אז דו טוסט נישט קיין תשובה? זעסט נישט ווי דער יצר הרע האט דיר געכאפט? נישט מיט די עבירה, נאר מיט די פזמון וואס עס קומט נאך די עבירה.

ווער האט דיך איינגערעדט אז עס איז דא "טוועלוו סטעפס אוו תשובה".

דער נביא זאגט אונז: '**קחו עמכם דברים**, נעמט אפאר ווערטער, **ושובו אל השם** און קער דיך צוריק צום אייבערשטן! זאג די ווערטער: אייבערשטער איך בין אין זאק פונעם יצר הרע, איך וויל זיין גוט! העלף מיר! העלף מיר! העלף מיר! איך בין א קליין שוואכע פליג, געב מיר כח! געב מיר מח! העלף מיר! ווייל אויב דו וועסט מיך נישט העלפן ווער וועט מיך העלפן?! ווער וועט קוקן אויף מיר!

קינדער ס'איז שפעט, מארגן איז נאך א טאג, אז איר וועט גיין שלאפן צייטלעך וועט איר קענען לערנען מארגן צום פינטל.

# שטעטל נייעס

## געשלאסן מקח אויף א נייע בנין פאר די קהילה



פריידיגע נייעס קומט אריין אז די קהילה האט געשלאסן מקח אויף א גרויסן בנין פון כמעט 5 טויזענט סקווער פיס.

עס רעדט זיך פון א בנין אויף די טווין ברידזש גאס וואס וועט זיין צום באניץ פאר די באדערפענישן פון די קהילה, ווי למשל די אלעמען באקאנטן "באזאר" וואס האט זיך שוין איינגעקויפט די גוטע נאמען אלס א גאר גוטע קליידער סטאר ווי אלע משפחות אין שטעטל זענען זיך מחיה צו גיין איינקויפן און טרעפן דארט נייע קליידער פאר אפאר דאלער וואס איינער האט איינגעקויפט און ביים סוף נישט געניצט, אדער נאר געניצט איין מאל, און מיט דעם שפארט מען גרויסע געלטער פון אלע משפחות אנשי שלומינו.

ביז יעצט איז די באזאר איינקוואטירט ביי די הויז פון מו"ה מרדכי אהרן היילפרין הי"ו אבער אזוי ווי עס ווערט נאר גרעסער די שטעטל, וואס מיט דעם קומט אויך מיט די פאקט אז מען דארף האבן מער פלאץ צו קענען בעסער און שענער איינקויפן און האבן די מעגליכקייט אויסצושטעלן אלע סארטן קליידער פון אינג ביז אלט, דערפאר האט דער ראש ישיבה צוזאמען מיט די הנהלה באשלאסן צו ניצן דעם בנין פאר די באזאר.

ווי אויך וועט דאס ווערן געניצט פאר א "קיאסק" וואס ווי די איינוואוינער האלטן מיט איז שוין די קיאסק געפארן פון איין פלאץ צום צווייטן פון ווען די שטעטל שטייט, אבער קיינמאל איז עס נאכגעשט געווען מסודר אויף א וועג אז עס זאל זיין באקוועם און געשמאק פאר אנשי שלומינו צו קומען איינקויפן מיט די ווייב אויף א רואיגע און געשמאקע אופן.

דערפאר האט מען באשלאסן צו ניצן א חלק פונעם בנין פאר די קיאסק, און אהערשטעלן דעם פלאץ גאר שיין און פראקטיש, כדי דאס זאל זיין באקוועם און געשמאק פאר אלעמען, און דאס וועט ברענגען דערצו אז אינגעלייט זאלן נישט דארפן קויפן טעלעפאונס מחובר צו אינטערנעט, טעבלעט'ס וכדומה צו דארפן איינקויפן אדער איבערגיין די אימעיל'ס און אזוי ווייטער.

אזוי אויך וועט דאס ווערן באניצט פאר נאך וויכטיגע זאכן וואס וועט ווערן געמאלדן ביים קומענדיגן געלעגנהייט, דער אייבערשטער זאל העלפן די שטעטל זאל ווייטער וואקסן אזוי ווי ביז אהער, וואס דאס וועט נאר געשעהן אויב מיר וועלן זיך ווייטער ליב האבן איינער דעם צווייטן, ווי דער ראש ישיבה דרוקט זיך אויס אין א בריוו: "**אין שטעטל האב איך געעפנט יעצט א נייע ארגאניזאציע, א פרישע גמ"ח - פון רעדן שיין איינער צום צווייטן, פון פארגינען איינער דעם צווייטן, פון זיך פרייען ווען א צווייטער איז מצליח; אויב דו ווילסט זיין א וואלונטיר ביי אונזער ארגאניזאציע דארפסטו מיר נישט לאזן וויסן, נאר הויב אן טון צו די זאך**".

## דריי גוד סטאר אין שטעטל פארגרעסערט



שוין א לאנגע צייט וואס די בארימטע B&H דריי גוד געשעפט שטייט גרייט צו סערווירן די חשוב'ע שטעטל איינוואוינער מיט אלע ערליי דריי גודס, אבער ביז היינט איז עס געווען אויף א קלענערע פארנעם, דאס הייסט אז מען האט געקענט אריינרופן בעטן וואס מען דארף און מען האט עס דעליווערט צום שטוב, אבער עס איז נישט געווען שייך צו אריבערקומען אינעם סטאר און זעהן וואס ס'איז יא אדער נישט דא, יעצט קומט אריין די גאר גוטע נייעס אז נאך לאנגע זוכענישן פאר א נייעם שיינעם פלאץ, און נאך אסאך תפילות וואס מען האט געבעטן דעם אייבערשטן צו טרעפן דעם פאסיגן פלאץ, האט מען טאקע געטראפן גאר א געשמאקן לאקאל הארט נעבן שטעטל, אויף דענמען ביי די 52, גאר שיין און געשמאק אהערגעשטעלט, ווי די גאנצע געשעפט וועט ווייטער זיין גרייט צו סערווירן דעם ציבור מיט אלע דריי גודס געברויכן נאך שענער און בעסער ווי ביז היינט, אדרבה קומט אריבער און איבערצייגט אייך אליין.

די שעות ווען די סטאר איז אפען איז פון צען אזייגער אינדערפרי' ביז זיבען אזייגער פארנאכטס.

# היכל הקודש נייעס

ירושלים

## בית פיגא אין ירושלים עיר הקודש א פאקט!




**זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו.** דער פסוק פון הלל זאגן אנשי שלומינו אין ירושלים עיר הקודש, ווען נאך א לאנגע צייט פון האפן און בעטן דעם אייבערשטן האט מען יעצט זוכה געווען אז די תפילות זענען נתקבל געווארן און מען האט געעפענט דער נייער שולע "בית פיגא ברסלב", ווי די קינדער פון אנשי שלומינו וועלן האבן די זכיה צו לערנען פון גאר איבערגעגעבענע לערערין'ס תלמידות היכל הקודש, וואס ווייסן וויאזוי מען דארף מחנך זיין אויפ'ן וועג וואס מען לערנט אין היכל הקודש, און פון קליינוויז אן וועלן זיי שוין וויסן אז **"אכן יש השם במקום הזה"**, יא דער אייבערשטער איז דא אין דעם פלאץ ווי איך שטיי, **"ואנכי"** אויב טראכט מען פונעם איך, **"לא ידעתי"** פארגעס איך דערפון (אזוי פלעגט מוהרא"ש זכותו יגן עלינו זאגן פאר די קינדער ווען ער איז געווען א מלמד אלס אינגערמאן).

פאר נישט לאנג צוריק האט זיך געעפענט די תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים מיט צוויי דריי קינדער אין שטוב פון מו"ה שמעון עוזר פערל הי"ו וואס האט לעצטענס איבערגעבויעט זיין דירה, און אראפגענומען א צימער וואס זאל זיין געאייגנט פאר געסט. דאס האט מו"ה שמעון עוזר הי"ו זיך מתנדב געווען אוועקצוגעבן פאר די נייע תלמוד תורה, וואס האט א באזונדערע אריינגאנג פון די גאס, און א חצר פאר די קינדער צו שפילן.

מען האט דעמאלט אויפגענומען א מלמד מומחה א תלמיד פונעם ראש ישיבה, וואס האט געגומען שימוש וויאזוי צו לערנען מיט קינדער ביים ראש ישיבה אין וויליאמסבורג. שפעטער זענען צוגעקומען נאך קינדער צום תלמוד תורה האט מען טאקע אויפגענומען נאך א מלמד מומחה.

די עלטערן און די קינדער זענען צוגלייך זענען ברוך השם זייער שטארק צופרידן, די קינדער זענען זייער פרייליך יעדן טאג צו גיין אין חדר, ווי דער איבערגעגעבענער מלמד ווארט זיי אפ, און געבט זיך אפ מיט זיי מיט ווארימקייט, און פרעדיגט אריין אין זיי אמונה אינעם אייבערשטן, אויף אזא וועג אז זיי זאלן דאס קענען מיטנעמען אויפ'ן גאנצן לעבן בעזרת השם יתברך.

נאכדעם וואס די עלטערן האבן געזעהן די הצלחה פון זייערע אינגלעך אין תלמוד תורה, זענען זיי געקומען צום מנהל התלמוד תורה זאגן אז זיי ווילן די טעכטער זאלן אויך באקומען די שיינע חינוך פון אמונה, וואס וועט זיין מיט זיי?

די הנהלה האט אויסגעשמועסט ביים ראש ישיבה בנוגע עפענען די בית פיגא שולע ווען מען זאל עפענען, און אויך בנוגע די פלאץ וואס ס'איז געאייגנט פאר דעם, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז אויפ'ן נייעם אלול זמן קען מען שוין עפענען בשעה טובה ומצלחת.

דער בית פיגא וועט זיין די פערטע בית פיגא שולע וואס עפענט זיך אויף בסייעתא דשמיא, די ערשטע איז געווען אין וויליאמסבורג, די צווייטע איז אין קרית ברסלב ליבערטי, די דריטע איז אין קרית יואל, און יעצט עפענט זיך אויף די פערטע בית פיגא שולע צו די פרייד פון אלע אנשי שלומינו די בכל אתר ואתר.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דאס זאל גאר שטארק מצליח זיין, עס זאל ארויס קומען פון די שולע ערליכע היילגע תלמידות וואס לעבן מיט אמונה און ווייסן אז אידישקייט איז די שענסטע און געשמאקסטע זאך אויף דער וועלט.

ביים ליל שישי שיעור פארגאנגענעם וואך פרשת עקב האט דאס דער ראש ישיבה דערמאנט און ארויסגעברענגט די חסדים פונעם אייבערשטן וואס ער טוט מיט אונז אז מען האלט שוין ברוך השם ביים פערטן בית פיגא שולע.

אויב ווילט איר האבן א חלק אין דעם חדר און סקול אין ירושלים קענט איז זיך אלעמאל פארבינדן מיט ר' אייזיק אפפעל הי"ו אויף 646-302-8957.



אומאן

## אומאן אפדעיטס פאר קומענדיגן ראש השנה תשפ"ג הבעל"ט

מען האלט שוין נענטער ווי ווייטער צום גורל'דיגן טאג ראש השנה, פון איין זייט איז טאקע שווער צו פארן, בפרט הײ יאר ווען אוקריינע איז אין א מלחמה צושטאנד, אבער פון די אנדערע זייט דארף מען דאנקן און לויבן דעם אייבערשטן, אז ווי עס זעט אויס וועט מען קענען פארן, די אוקריינע רעגירונג האט געזאגט אז פון זייער זייט וועט די גרעניץ זיין גענצליך אפן פאר אלע וואס קומען קיין אומאן אויף ראש השנה. צוליב דעם האט די שטאב פון "פלען איט רייט" אויסגעארבעט א פולקאמע פלאן וואס וועט בעזר השם קענען ברענגען אלע תלמידים פון היכל הקודש קיין אומאן, אויפן בעסטן שטייגער מעגליך, לויטן יעצטיגן מצב.

פלען איט רייט וועט צושטעלן פארן גאנצן חבורה א גאר געשמאקע וועג פון די עירפארטס אין פוילן ביז קיין אומאן, אויף די בעסטע וועג וואס איז מעגליך לויט די אומשטענדן, ווי עס וועט בעז"ה ווערן צוגעשטעלט פארן ציבור אלע געברויכן פארן לאנגען נסיעה, ווי באנען, באסעס, מקוה, דאווענען, עסן, און שלאפן, און אזוי ווייטער.

**דינסטאג נצבים:** ווי געזאגט פארט מען ארויס פון ניו יארק בשעה טובה ומצלחת בעז"ה דינסטאג נאכמיטאג.

**מיטוואך נצבים:** פלען איט רייט וועט בעז"ה צושטעלן באסעס וואס וועלן אפווארטן דעם עולם במשך מיטוואך נאכמיטאג פון די עירפארטס אין ווארשא, קראקא, און ריישא יעדער לויט זיין סקעדזשולד פלייט, וואס וועלן נעמען דעם ציבור צו א געשמאקע לאקאציע אין די געגענט פון ליזענסק, דארט וועט זיין צוגעשטעלט א פיינע פרישע מקוה מיט שויערס, און א נאראהפטיגע זעטיגע נאכטמאל.

**מיטוואך נצבים ביינאכט:** נאכדעם וואס די באסעס וועלן שוין האבן אנגעקומען פון אלע עירפארטס און יעדער וועט זיך אויפפרישן, האבן אפגעגעסן, און געדאווענט מנחה און מעריב, וועט זיין צוגעשטעלט באסעס וואס וועלן נעמען דעם עולם צו די באן סטאנציע.

פון דארט וועט מען זיך ארויפזעצן אויף א באקוועמע באן וואס וועט נעמען דעם עולם אויף א לאנגע זיבן שעה'דיגע רייזע קיין אוקריינע. אויפן באן וועט זיין צוגעשטעלט לייכטע איבערבייס מיט א ברייטע האנט.

**דאנערשטאג נצבים:** די באן וועט בעז"ה אנקומען צום דעסטינאציע אין אוקריינע דאנערשטאג נצבים אין די צופרי שעה'ן, ווי מען וועט זיך אפשטעלן און עס וועט דארט ווערן צוגעשטעלט א ברייטע נאראהפטיגע פרישטאג.

נאכן פרישטאָג וועט זיין צוגעשטעלט א ריזיגע פלאטע פון באקוועמע קאוטש באסעס בהרחבה, אויף א וועג פון בערך צוויי שעה קיין אומאן, ווי מען וועט ענדליך זוכה זיין נאך די פילע תפילות צום אייבערשטן צו איבערטרעטן די שוועל פונעם הייליגן ציון אין די פארמיטאג שעה'ן פון דאנערשטאג פרשת נצבים מיטן אייבערשטנ'ס הילף.

**מוצאי יום טוב (דינסטאג ביינאכט):** וועט מען נאך איבערשלאפן אין אומאן אינעם בנין פון היכל הקודש צוזאמען מיט אלע אנשי שלומינו, ווי מען וועט זיך פרייען אויף די גרויסע זכיה אז מען האט זוכה געווען צו ווילן דעם ראש השנה תשפ"ג במחיצתו פונעם הייליגן ציון, און איבערגעקומען אלע שווערע מניעות און שטיינער, און מקיים געווען דעם רצון פון הייליגן רבין בתמימות ובפשיטות.

**מיטוואך ווילך (צום גדליה) אינדערפרי:** וועט אפווארטן א גרויסע פלאטע פון צענדליגע באסעס פארן גאנצן עולם, און מען זיך ארויסלאזן אויפן צוויי שטונדענדיגן רייזע ביזן באן סטאנציע. און אין די פארמיטאג שעות פון צום גדליה וועט מען זיך ארויפזעצן אויפן באקוועמען באן, וואס וועט בעז"ה אנקומען פארנאכטס אין ליזענסק.

**מיטוואך ווילך ביינאכט:** וועט זיין צוגעשטעלט אין ליזענסק א ברייטע און געשמאקע נאכטמאל אויסצופאסטן, און דערנאך וועט מען זיך לייגן שלאפן אין א באקוועמע האטעל.

**דאנערשטאג ווילך אינדערפרי:** וועט זיין צוגעשטעלט א פיינע מקוה, בית המדרש, און פרישטאג, און פון דארט וועט כסדר ארויספארן באסעס צו די עטליכע לופטפעלדער אין פוילן פון וואו דער עולם וועט צוריק פארן קיין ניו יארק בשעה טובה ומוצלחת.

**דאנערשטאג ווילך נאכמיטאג:** וועט דער עולם וועט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף אנקומען בשלום קיין ניו יארק אין די דאנערשטאג נאכמיטאג שעה'ן מיט פילע זעק ישועות און רפואות און א שנה טובה ומבורכת.

**פרייז און רעגיסטראציע:** דער פרייז פאר די אלע סערוויסעס, די באנען, באסעס, עסן, טרינקען, בעטן, האטעל אינאיינעם איז $889 פער מענטש.

א קינד וואס דארף נישט קיין עקסטערע בעט אין די האטעל אויפן וועג צוריק וועט דארפן צאלן $839.

אזוי ווי פלעצער זענען זייער באגרעניצט, דארף מען זיך וואס שנעלער איינשרייבן. מען קען זיך איינשרייבן ביי מו"ה אפרים פעלדמאן הי"ו 845-587-2421 אדער ביי מו"ה משה בלוי הי"ו 917-636-9026.

**איש בל יעדר!**



# מעשיות פון תפילה

## יוסף שניטצלער - קרית ברסלב:

אין די לעצטע פאר טעג האב איך באקומען א שטארקע ציין ווייטאג און איך האב געדארפט גיין צום דענטיסט. ברוך השם אז איך האב די זכי' צו זיין א מלמד, און אויב דארף איך אריינפארן אין שטאט פאר א דענטיסט וועל איך מוזן פעלן פון חדר, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל טרעפן א גוטע דענטיסט דא אין די געגנט כדי איך זאל נישט דארפן פעלן פון חדר.

דער אייבערשטער האט געהאלפן אז איך האב געטראפן א גוטע דענטיסט אין די געגנט פון שטעטל, און ער האט מיר געמאכט די גאנצע זאך אויף איינמאל, אזוי אז איך האב נישט געדארפט פעלן פון חדר.

## יצחק מרמורשטיין - הר יונה:

שכח אייבערשטער נאך אסאך תפילות און נאך לערנען אסאך בי"ת נצחי האט איך געקענט קויפן מיין אייגענע דירה אין שטעטל הר יונה אין גליל. ווען איך האב געדארפט אראפלייגן די געלט פאר א דאו"ן פעימענ"ט, האט מיר געפעלט נאך א סכום צו ענדיגן די מקח, איך האב געזען אז איך האב נישט קיין ברירה האב איך געבעטן פון די באנק אויב איך קען באקומען די סכום פאר א שטיק צייט, אבער זיי האבן מיר ערלויבט נאר א חלק פון די געלט וואס איך האב געבעטן, איך בין אריין אין באנק אפנעמען די געלט און די גאנצע צייט האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז זיי זאלן יא מסכים זיין מיך צו געבן די גאנצע סכום וואס איך האב געדארפט.

אינמיטן רופט מיר ר' משה רעכניצער נ"י פון בני ברק, איך האב געוויסט אז ער וויל מיר בעטן א נדבה פאר די נייע הערליכע קונטרס עצתו אמונה וואס מ'האט יעצט געדרוקט, האב איך אפגעמאכט אז אויב די באנק וועט מיר ערלויבן די גאנצע געלט וואס איך האב געדארפט וועל איך אים געבן א שיינע נתינה.

איך בין צוגעגאנגען רעדן מיט'ן באנקיר - בשעת וואס איך בעט דעם אייבערשטן אז איך זאל באקומען די גאנצע געלט - און איך האב אים געזאגט אז באמת האב איך געבעטן אסאך מער און מ'האט מיר ערלויבט נאר כך וכך, אזאגט ער מיר אז ס'איז נישט קיין פראבלעם און ער קען מיר געבן די גאנצע סכום וואס איך האב געדארפט. שכח אייבערשטער.

שפעטער האב איך דערציילט די גאנצע מעשה פאר די באנקיר, און איך האב אים געפרעגט אויב ער האט געהערט פון דער ראש ישיבה, האט ער מיר דערציילט אז ער האט געלערנט אין אמעריקע ביים ראש ישיבה יארן צוריק, און ער האט געהערט אז איך האב צוגעזאגט א נתינה פאר די נייע קונטרס עצתו אמונה, האט ער זיך אנגערופן אז ער וויל אויך געבן הונדערט שקל א נדבה פארן נייעם קונטרס.

## א תלמיד פון בית שמש:

דער ראש ישיבה רעדט גאר אסאך פון די גרויסקייט פון גיין אין מקוה - בפרט שבת, ברוך השם איך גיי יעדן טאג אין מקוה, אבער שבת איז מיר געווען זייער שווער צו גיין אין מקוה ווייל איך האב מיך צוגעוואוינט צו גיין אין שאוער נאך די מקוה.

יעדע מאל איך האב געליינט א בריוו אדער געהערט א שיעור ווי דער ראש ישיבה רעדט פון די גרויסקייט פון גיין אין מקוה שבת האב איך געמאכט א תפילה אז איך זאל זוכה זיין צו גיין אין מקוה שבת אינדערפרי.

שכח אייבערשטער יעצט האלט איך שוין נאך דריי שבתים וואס איך בין געווען אין מקווה. שכח אייבערשטער.

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ו' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ו לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר אַז דוּ זָאלְסְט אַרוֹיס הֶעלְפְן אִין שְׁטוּב אָנְגְרֵייטְן דֶעם שַׁבָּת, עֶס אִיז זֵייעֶר נִישְׁט שֵׁיין וֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז פַארְנוּמֶען צוּ טוּן חֶסֶד מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, אָבֶּער פַאר זִיךְ, פַאר זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער הָאט עֶר נִישְׁט קַיין טְרָאפּ גֶעדוּלְד. עֶס אִיז עֶקְלְדִיג צוּ זֶען וִוי מֶענְטְשְׁן זוּכְן צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט חֲבֵרִים אוּן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיסֶער מִיט אֵיינֶעם - מִיט דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ, דָאס קוּמְט פוּן דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ הִיט זִיךְ נִישְׁט זַיינֶע אוֹיגְן אוּן עֶר קוּקְט שְׁמוּצִיגֶע מָאוִויס רָחֵ"ל, בִּיז עֶר פַארְלִירְט זַיין שֵׂכֶל אוּן גֶעפִיל צוּ הָאבְן אַ גוּטֶע לֶעבְן.

**אִיךְ דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְן אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע חַבּוּרָה;** מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אִין קֶעמְפּ אוּן זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט זֵייעֶר עֶרְלִיךְ, אַ אִינְגֶערְמַאן זָאגְט מִיר: "דִי רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֵייסְט נִישְׁט וָואס עֶר וֵייסְט נִישְׁט", וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ אִין קָאנְטְרִיס ה'", מֶען זִיצְט מֶענֶער מִיט פְרוֹיעֶן אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט צוּזַאמֶען, מֶען לַאכְט צוּזַאמֶען אָן קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר אִינְטֶערְסַאנְט צוּ זֶען וִוי יֶעדֶער שְׁמֵייכְלְט מֶער צוּם שְׁוֶועגֶערִין וִוי צוּ דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ.

עֶס אִיז אַזוֹי עֶקְלְדִיג אוּן גְרוֹילִיג אַז מֶען זִיצְט מִיט פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן אוּן מֶען פַארְבְּרֶענְגְט אִינְאֵיינֶעם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ - שְׁמוּעֶס מִיט אִיר! לַאךְ מִיט אִיר! **פַארְבְּרֶענְג מִיט אִיר!** זִיךְ דִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְצוּגֵיין יֶעדְן טָאג. דַיין וַוייבּ וֶועט לִיבּ הָאבְן וֶוען דוּ וֶועסְט אִיר זָאגְן אַז דוּ ווִילְסְט פַארְבְּרֶענְגֶען נָאר מִיט אִיר אִין שְׁטוּבּ, אוּן דוּ הָאסְט לִיבּ אִיר עֶסְן. מֶען קֶען הֶערְן וִוי מֶענְטְשְׁן זָאגְן: "וִוי קֶען אִיךְ פָּטוּר וֶוערְן פוּן מַיין וַוייבּ! אִיךְ וַוארְט אַ גַאנְץ יָאר אוֹיף קָאנְטְרִי זִי זָאל מִיךְ אָפּ לָאזְן.........." בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִין אוּנְזֶער הֵיכַל לֶערְנְט מֶען אַנְדֶערֶע לִימוּדִים, מֶען לֶערְנְט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען לֶעבְן **אַ גוּטֶע לֶעבְן מִיט דִי וַוייבּ** וְכוּ' וְכוּ'.

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן פַאר דִיר אִין דֶעם עִנְיָן, אָבֶּער יֶעצְט אִיז נִישְׁט דִי צַייט פַאר דֶעם, עֶס קוּמְט שׁוֹין שַׁבָּת אוּן מֶען דַארְף זִיךְ גֵיין גְרֵייטְן צוּם שַׁבָּת. זָאלְסְט הָאבְן אַ פְרֵיילִיכֶע שַׁבָּת אוּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת; בְּרוּדֶער, אוֹיף דֶער וֶועלְט דַארְף מֶען הָאבְן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, זָאלְסְט נִישְׁט טְרַאכְטְן קַיין אֵיין רֶגַע אַז "יֶענֶער הָאט אַ בֶּעסֶערֶע לֶעבְן פוּן דִיר", "יֶענֶער הָאט בֶּעסֶער חֲתוּנָה גֶעהַאט פוּן דִיר" **'כִּי לֹא מֵחָכְמָה שָׁאַלְתָּ עַל זֶה'**, בַּיי אֵיין זַאךְ דַארְף מֶען מְקַנֵא זַיין אַ צְוֵוייטְן - אַן עֶרְלִיכֶע אִיד, אַזַא אֵיינֶעם וָואס גֵייט אַרוּם פְרֵיילִיךְ אוּן מַאכְט אַזַא גוּטֶע אָנְשְׁטֶעל כְּאִילוּ עֶס גֵייט אִים זֵייעֶר גוּט, נָאר אַזַא אֵיינֶעם דַארְף מֶען מְקַנֵא זַיין. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער: **"עֶס אִיז נִישְׁט דָא וֶועם מְקַנֵא צוּ זַיין, נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אוֹיבּ בִּיסְטוּ אַן עֶרְלִיכֶער אִיד בִּין אִיךְ דִיר מְקַנֵא".**

וֶוען דוּ זָאלְסְט נָאר הֶערְן וָואס אִיךְ הֶער אַלֶץ צַאם אִין אֵיין טָאג, וָואס מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער, וָואלְסְטוּ מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן; יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיינֶע צָרוֹת וְכוּ' וְכוּ'. דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זַיי נִישְׁט קַיין נַער אוּן הָאבּ נִישְׁט קַיין צַעַר, מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ אוּן זוּךְ נָאר דִי גוּטֶע חֲלָקִים וָואס זִי הָאט, אוּן וַוארְט נִישְׁט אוֹיף קַיין כָּבוֹד, חֲזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת ד, א) **אֵיזֶהוּ מְכֻבָּד? הַמְכַבֵּד אֶת הַבְּרִיּוֹת.** אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז עֶר זָאל קֶענֶען גֶעבְּן כָּבוֹד פַאר יֶעדְן, בִּפְרָט פַאר דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ. דָאס אִיז וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרַ"ש אוּן דָאס אִיז וָואס אִיךְ לֶערְן מִיט מַיינֶע תַּלְמִידִים, וֶוער עֶס פַארְשְׁטֵייט אַנְדֶערְשׁ זָאל זוּכְן אַ פְּלַאץ וָואס אִיז גוּט פַאר אִים.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ חֲתוּנָה דִי וָואךְ, זָאגְט מִיר אַ אִיד אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם: "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זוּמֶער אִין אַ קָאנְטְרִי מִיט אַ תַּלְמִיד פוּן יְשִׁיבָה, וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, **אִיךְ הֵייבּ אָן טְרַאכְטְן אַז בְּרֶסְלֶב אִיז דֶער וֶועג,** עֶר הָאט זִיךְ אוֹיף גֶעפִירְט אַזוֹי שֵׁיין אַזוֹי עֶרְלִיךְ אַזוֹי אֵיידֶל וְכוּ' וְכוּ'". דָאס אִיז מַיין נַחַת אוּן דָאס אִיז מַיין גַאנְצֶע חַיּוּת, אַז אִיךְ הֶער צוּרִיק פוּן מַיינֶע תַּלְמִידִים וִוי זַיי פִירְן זִיךְ אֵיידְל אוּן עֶרְלִיךְ.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ פְרֵיילִיכֶע שַׁבָּת.**

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א



# עֶס אִיז אִינְטֶערְגֶעשְׁטֶעלְט

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דֶערְצֵיילְט:** אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּ הָרַב הַקָּדוֹשׁ מְקָאצְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעטְן אַן עֵצָה עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן כַּעַס, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וַוארְט דָא אִין אַ דְרוֹיסְנְדִיגֶע צִימֶער בִּיז אִיךְ וֶועל דִיר רוּפְן", דֶער רֶבִּי רוּפְט אַרַיין דֶעם גַבְּאַי אוּן זָאגְט אִים הוֹיךְ (כְּדֵי דֶער אִיד וָואס אִיז יֶעצְט אִינְדְרוֹיסְן זָאל הֶערְן): "פְּרוּבִּיר אוֹיפְצוּרֶעגְן דֶעם מֶענְטְשׁ, פְּרוּבִּיר אִים צוּ גֵיין אוֹיף דִי נֶערְוְון..." (דֶער אִיד הָאט אַלֶעס אוּנְטֶערְגֶעהֶערְט), דֶער גַבְּאַי קוּמְט אַרַיין אִין דֶעם צִימֶער, אוּן גֶעבְּט אַ הַאק אַרַיין אִין אִים, דֶער גַבְּאַי רוּפְט זִיךְ אָן: "אוֹי, אַנְטְשׁוּלְדִיגְט, זַיי מִיר מוֹחֵל", דֶער אִיד בְּלַייבְּט רוּאִיג אוּן שְׁמֵייכְלְט (וואוּסֶענְדִיג דֶער רֶבִּי פְּרוּבִּירְט אִים יֶעצְט אוֹיס), זָאגְט עֶר פַאר'ן גַבְּאַי: "עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", אַפָּאר מִינוּט שְׁפֶּעטֶער קוּמְט דֶער גַבְּאַי נָאכְאַמָאל אַרַיין מִיט אַ קַאוֶוע אִין דִי הַאנְט אוּן גֵייט אִים דוּרְךְ אוּן גִיסְט אוֹיס דִי גַאנְצֶע קַאוֶוע אוֹיף אִים... דֶער גַבְּאַי זָאגְט אִים נָאכְאַמָאל: "אוֹי, אַנְטְשׁוּלְדִיגְט, זַיי מִיר מוֹחֵל", עֶנְטְפֶערְט דֶער אִיד נָאכְאַמָאל: "עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, אַלֶעס אִיז מִן הַשָּׁמַיִם", אַפָּאר מִינוּט שְׁפֶּעטֶער קוּמְט דֶער גַבְּאַי אַרַיין אַ דְרִיטֶע מָאל מִיט אַ בֶּענְקְל אִין דִי הַאנְט, אוּן גֶעבְּט דֶעם אִיד אַ גֶעזוּנְטֶע זֶעץ אִין רִיקְן... דֶער גַבְּאַי זָאגְט אִים אַ דְרִיטֶע מָאל: "אוֹי, אַנְטְשׁוּלְדִיגְט, זַיי מִיר מוֹחֵל", עֶנְטְפֶערְט דֶער אִיד: "עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, גַּם זוּ לְטוֹבָה".

דֶערְנָאךְ רוּפְט אִים דֶער רֶבִּי צוּרִיק אַרַיין אוּן זָאגְט אִים: "אִיךְ זֶע נִישְׁט דוּ זָאלְסְט עֶפֶּעס לַיידְן פוּן 'כַּעַס', אִיךְ הָאבּ יֶעצְט מִיטְגֶעהַאלְטְן דְרֵיי מַעֲשִׂיּוֹת וִוי דוּ הָאסְט זִיךְ גָארְנִישְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט", עֶנְטְפֶערְט דֶער אִיד: "יֶעצְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין קוּנְץ זִיךְ אַיינְצוּהַאלְטְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוּנְטֶער גֶעהֶערְט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט פַאר'ן גַבְּאַי עֶר זָאל מִיר אוֹיסְפְּרוּבִּירְן, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט", זָאגְט אִים דֶער רֶבִּי: דָאס מַאכְט מֶען צוּ דִיר יֶעדְן טָאג פוּן הִימְל, אַלֶעס אִיז נָאר אַן אָנְשְׁטֶעל, יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אֵיינֶער הָאט דִיר אָנְגֶעגָאסְן, אֵיינֶער הָאט אַרַיינְגֶעהַאקְט אִין דִיר, אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: לָאמִיר זֶען צִי דוּ גֵייסְט זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן, דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פַארְוָואלְוֶועלְט, עֶר פַארְגֶעסְט אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ זָאל ווִיסְן אִיךְ בִּין יֶעצְט אוֹיף פְּרָאבֶּע, מֶען הַאלְט אַלֶעס מִיט פוּן הִימְל - וָואלְט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוֹיף זַיין נִסָּיוֹן מִיט שִׂמְחָה.




# הפצה ווינקל

## בְּרִיוו

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ז' אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**
לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

וואויל אִיז דִיר און וואויל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה עוֹסֵק צוּ זַיין בְּהַדְפָּסַת סִפְרֵי מוֹהֲרָא"שׁ וָואס אִיז אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים און פוּן דֶער גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה.

אִיךְ וֵויים און אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דֶער ס"מ שְׁפִּילְט מִיר דִיר מֶער ווִי עֶר שְׁפִּילְט מִיט אַ צְווֵייטְן, עֶר אִיז דִיר מַחְלִישׁ דַּעַת, עֶר צֶעבְּרֶעכְט דִיר און וַוארְפְט דִיר אַרָאפּ כְּסֵדֶר, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז דוּ טְרַאכְסְט צוּ זִיךְ "אָפְּצוּלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט", בֶּעט אִיךְ דִיר און אִיךְ בִּין דָא דִיר צוּ שְׁטַארְקְן אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט טְרַאכְטְן פַאר קַיין אֵיין רֶגַע אָפְּצוּלָאזְן דָאס דְרוּקְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים וָואס רַאטֶעוֶועט הוּנְדֶערְטֶער און טוֹיזְנְטֶער און צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַדְּרַבָּה, יֶעדֶעס מָאל וֶוען דֶער ס"מ אִיז דָא און עֶר אוֹיף דִיר - זָאלְסְטוּ אִים צוּרִיק שְׁלָאגְן מִיט נָאךְ אַ סֵפֶר דְרוּקְן, מִיט נָאךְ אַ קוּנְטְרֵס פַארְשְׁפְּרֵייטְן, און מִיט פַארְשְׁפְּרֵייטְן נָאךְ אַ סִידוּר וָואס וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה.

אֲהוּבִי אָחִי, דוּ וֵוייסְט דָאךְ יָא אַבִּיסְל וָואס גֵייט פָאר אוֹיף דִי וֶועלְט, וִויפִיל טְרֵיפָה'נֶע און שְׁמוּצִיגֶע מָאוִויס קוּמֶען אַרוֹיס יֶעדֶע רֶגַע און יֶעדֶע מִינוּט, דוּ וֵוייסְט אַבִּיסְל וואוּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאלְן נֶעבֶּעךְ אַרַיין און נָאר דִי סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים און גִּלְיוֹנוֹת וְכוּ', וְכוּ', הֶעלְפְט זֵיי אַז זֵיי זָאלְן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן קַיין אֵיין רֶגַע אָפְּצוּלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, **נָאר טְרַאכְט אַלֶע וֶועגְן ווִי אַזוֹי מִיר קֶענֶען שֶׁענֶער און בֶּעסֶער מַאכְן אַז דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ זָאל אַרַיינְגֵיין אִין דִי וֶועלְט.**

זֶע אָנְצוּגְרֵייטְן סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה; עֶס זֶעט אוֹיס ווִי עֶס אִיז נָאךְ דָא אַסַאךְ צַייט אָבֶּער מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי און מֶען פָארְט שׁוֹין אִין קֶעמְפּ, און נָאךְ קֶעמְפּ פָארְן מִיר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן. דָארְט קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אַ קִיבּוּץ אִידְן מֵאַרְבַּע כַּנְפוֹת הָאָרֶץ - פוּנֶעם אַרוּם דֶעם גַאנְצְן גְלָאוֹבּ, דַארְפְן מִיר זַיין גְרֵייט מִיט סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים צוּ קֶענֶען שְׁפַּייזְן אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זַיי מְכַבֵּד דַיין וַוייבּ, בִּפְרַט יֶעצְט נָאכְ'ן גֶעבּוֹירְן לְמַזָּל טוֹב אַ לִיכְטִיגֶע מֵיידְל - דַארְף זִי הָאבְן כֹּחַ. עֶס נֶעמְט צַייט אַז אַ וַוייבּ זָאל קוּמֶען צוּ דִי כֹּחוֹת, און וֶוען דֶער מַאן הָאט שֵׂכֶל און גֶעבְּט אִיר חִיזוּק נֶעמְט וֵוייניגֶער צַייט זִי זָאל קוּמֶען צוּ דִי כֹּחוֹת. אַז דוּ הָאסְט אִיבֶּערִיגֶע צַייט גֵיי אַהֵיים צוּ אִיר און הֶעלְף אִיר, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף אִיר וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחֲמָנוּת הָאבְן אוֹיף דִיר. דוּ הָאסְט אַ טַייעֶרֶע וַוייבּ, זֶע אִיר צוּ הַאלְטְן טַייעֶר.

**פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.**

## א מעשה פון הפצה

**בערל לעווי נרו יאיר פארציילט:**

פאריגע וואך זונטאג בין איך געפארן פון קרית יואל צו די קעטסקילס און איך האב געגעבן א היטש פאר א אינגערמאן, א חשוב'ע בנן של קדושים, א געהויבענע איד פון די פריערדיגע דור.

אויפ'ן וועג נעמט יענער ארויס א חומש און ער הייבט אן מעביר סדרה זיין ביז שני, און דער איד רופט זיך אן צו מיר: "דו געדענקסט האסטו מיר געגעבן אן עצתו אמונה?", איך ענטפער אים ניין, זאגט ער מיר: "אפאר יארן צוריק האסטו מיר געגעבן די ספר עצתו אמונה, און דארט האב איך געזען אז מ'קען מעביר סדרה זיין פון זונטאג, זייט דעמאלט האב איך אנגעהויבן דאס טוהן בקביעות, איך הייב אן מעביר סדרה זיין פון זונטאג, אזוי ביז סוף וואך האב איך געענדיגט די סדרה, ממש א מחי'!"

איך האב שוין לאנג פארגעסן אז איך האב אים געגעבן א קונטרס, אבער ער לעבט נאך דערמיט ביז היינט, דאס איז די כח פון הפצה, עס לוינט זיך די מיה פון געבן א קונטרס א גליון פאר איד!

ופרח לו איש האמת, אבער וצדקתו עומדת לעד.

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקנו!

שיקט אריין אייער מעשה צו 845-379-1161

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר
קאל, טעקסט, וואטסעפּ: 718.387.2691
email:subscribe@kerenhadfusa.org

# נייעס פון קרן הדפסה

## היסטארישע חנוכת הבית פאר'ן בית הדפוס

א הערליכע איינמאליגע חנוכת הבית איז געפראוועט געווארן פארגאנגענעם זונטאג שופטים פאר'ן נייעם גרויסן בנין קרן הדפסה היכל הקודש ליבערטי ניו יארק.

דער יושב ראש מו"ה העניך אינדיג הי"ו האט געעפענט דעם מעמד, און אויפגענומען אלע משתתפים גאר שיין, און דערנאך מכבד געווען מו"ה יואל שניטצלער הי"ו ער זאל ארויפקומען און אביסל פארציילן די היסטאריע וויאזוי עס האט זיך אנגעהויבן דאס שרייבן בריוון און עס זאל ווערן געדרוקט אין א קונטרס "עצתו אמונה" יעדן איינציגן וואך.

שפעטער האט מען ארויפגערופן המפיץ מו"ה ראובן בירנבים הי"ו וואס ער האט פארציילט הערליכע מעשיות וואס עס שפילט זיך אפ ביי הפצה.

די שפיץ איז געווען די דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א ארויסברעגענדיג די התרגשות פונעם מעמד אז מען איז זוכה צו האבן א דרוק וואס דרוקט אפ יעדע וואך אזויפיל הייליגע ספרים און מען צושפרייט דאס פאר די גאנצע וועלט, מוהרא"ש קוועלט אסאך נחת פון אויבן, ווען ער זעט אזא שיינעם בית הדפוס.

דערנאך האט מו"ה לייב ראטה הי"ו ארויפגערופן אלע נדבנים צו אפנעמען זייער הערליכע מתנה.

דער מעמד וועט זיכער געדענקט ווערן ביי אלע משתתפים פאר א לאנגע צייט.

# בילדער פון קרן הדפסה



הונדערטער שטיק פון לוח ברסלב תשפ"ג ארויס פון דרוק



הונדערטער ספרים גרייט פאר די ברסלב סענטער סטאר



מען פארבעט איבער דעם בית הדפוס

## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אוד רבינו ז"ל די וואך

| | | |
|---|---|---|
| משה יחיאל פעלדמאן<br>קרית ברסלב | יואל משה מייזעלס<br>וויליאמסבורג | ישראל שלום קויפמאן<br>קרית יואל |
| מרדכי לייב טירנויער<br>קרית יואל | משולם פינטער<br>קרית ברסלב | יעקב שאול פיש<br>בארא פארק |
| יונתן אריה<br>לעיקוואד | יצחק משה רייך<br>בארא פארק | יעקב יאקאבאוויטש<br>קרית ברסלב |
| הערשי זאבעל<br>מאנסי | מאטי היימליך<br>קרית ברסלב | הרוצה בעולם שמו<br>לינדין |

צו מנדב זיין:

phone: 718.387.2691 103#

email:donate@kerenhadfusa.org

whatsapp: 347.578.4449

# א מעשה
## פון א צדיק



### חֶסֶד פַאר אִידְן

ווִי בַּאַקאַנְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי נַאדְבוֹרְנֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זִיךְ אַרִיבֶּערְגֶעצוֹיגְן אוֹיף דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן קֵיין בִּישְׁטֶענֶע, דָאס אַרִיבֶּערְצִיעֶן אִיז גֶעוֶוען פְלִיצְלוּנְג פוּן אֵיין מִינוּט אוֹיפְן צְוֵוייטְן, עֶס אִיז דָא פַארְשִׁידֶענֶע טַעֲמִים דֶערוֹיף, רוֹב טַעֲמִים וֵוייסְט מֶען בִּכְלַל נִישְׁט, אָבֶער אֵיינֶע פוּן דִי שְׁטַארְקֶע טַעֲמִים אִיז גֶעוֶוען, וַוייל דָארְטְן אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער טְרֶעין סְטֶעיְשָׁאן וואוּ עֶס פְלֶעגְן שְׁטֶענְדִיג קוּמֶען אַסַאךְ אוֹרְחִים, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי הָאט גֶעוָואלְט טוּהן חֶסֶד אוּן גְלַייכְצַייטִיג מְזַכֶּה זַיין דֶעם עוֹלָם מִיט חֶסֶד, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט, וַוייל אִים אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין לֶעבְּן צוּ הֶעלְפְן אִידְן, ווִי מִיר קֶענֶען זִיךְ דָאס אוֹיךְ אִיבֶּערְצַייגְן פוּן דִי פָאלְגֶענְדֶע מַעֲשֶׂה:

אֵיינְמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע גֶעשִׁיקְט אַ שָׁלִיחַ צוּם הֵיילִיגְן לִיסְקֶער רָב בַּעַל אַךְ פְּרִי תְּבוּאָה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר זָאל אִים אִיבֶּערְגֶעבְּן דָאס פָאלְגֶענְדֶע: דֶער מְחַבֵּר זָאגְט אָנְפַאנְג הִלְכוֹת פֶּסַח (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תכט): שׁוֹאֲלִין בְּהִלְכוֹת פֶּסַח... שְׁלֹשִׁים יוֹם - מֶען לֶערְנְט דִי הֲלָכוֹת פוּן פֶּסַח דְרַייסִיג טֶעג פַארְן יוֹם טוֹב פֶּסַח. זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער רְמָ"א: וּמִנְהָג לִקְנוֹת חִטִּים - מֶען פִּירְט זִיךְ צוּ קוֹיפְן וֵוייץ צוּ קֶענֶען פַארְטֵיילְן פַאר דִי אָרֶעמֶעלַייט זֵיי זָאלְן הָאבְּן מַצוֹת אוֹיף פֶּסַח. פְרֶעגְט מָרְדְכַי'לֶע: גֶעוֶוענְטְלִיךְ לֵייגְט דִי רְמָ"א צוּ אוֹיף וָואס דֶער מְחַבֵּר הָאט גֶעזָאגְט פְרִיעֶר, אָבֶער דָא הָאט נִישְׁט קֵיין שַׁייְכוּת דִי מִנְהָג וָואס דֶער רְמָ"א זָאגְט צוּ הֶעלְפְן אָרֶעמֶעלַייט אוֹיף פֶּסַח, מִיט דֶעם וָואס דֶער מְחַבֵּר זָאגְט מֶען זָאל לֶערְנֶען הִלְכוֹת פֶּסַח?! נָאר מָרְדְכַי'לֶע זָאגְט, אַז דִי רְמָ"א קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז "דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פַאר מֶען לֶערְנְט הִלְכוֹת פֶּסַח אִיז צוּ אִינְזִינֶען הָאבְּן אַז אַלֶע אָרִימֶעלַייט זָאלְן הָאבְּן גֶענוּג עֶסְן אוֹיף פֶּסַח", וַוייל וָואס הָאסְטוּ פוּן דַיין גַאנְצֶע שַׁבָּת הַגָּדוֹל דְרָשָׁה אוֹיבּ דִי אָרִימֶעלַייט הָאבְּן נִישְׁט צוּם עֶסְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הֶערְשֶׁל'עֶר לִיסְקֶער הֶערְנְדִיג דָאס הָאט צוּ זִיךְ גֶעטְרַאכְט: פַארְוָואס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי מִיר דָאס גֶעשִׁיקְט זָאגְן? עֶפֶּעס ווִיל עֶר דָאךְ מִיר מְרַמֵּז זַיין, אָבֶער עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְקוּמֶען וָואס עֶר ווִיל.

דָארְטְן אִין דִי שְׁטָאט לִיסְקֶע אִיז גֶעוֶוען אַייְנְגֶעפִירְט אַז יֶעדֶער הָאט זִיךְ אַלֵיין אַייְנְגֶעקוֹיפְט דִי מֶעהל לוֹיט דִי גֶעבְּרוֹיךְ פוּן זַיין מִשְׁפָּחָה, אוּן דָאס הָאט עֶר גֶעבְּרֶענְגְט צוּם מַצָּה בֶּעקֶערַיי, אוּן קָהָל הָאט דָאס גֶעקְנֶעטְן אוּן גֶעבַּאקְן, אוּן ווִי נָאר מֶען הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אָפְּבַּאקְן דִי מַצוֹת פַארְן גַאנְצְן שְׁטָאט הָאט מֶען פַארְמַאכְט דִי בֶּעקֶערַיי.

וַיְהִי הַיּוֹם, אִיז דָארְט גֶעוֶוען אַן אַלְמָנָה מִיט אַסַאךְ קִינְדֶער וָואס זִי הָאט נֶעבֶּעךְ נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין גֶעלְט צוּ קֶענֶען אַייְנְקוֹיפְן מֶעהל פַאר פֶּסַח, אָבֶער מַמָּשׁ דִי לֶעצְטֶע מִינוּט הָאט אִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן בְּדֶרֶךְ נֵס אוּן זִי הָאט זִיךְ פַארְשַׁאפְט אַבִּיסְל מֶעהל, גְלַייךְ אִיז זִי גֶעלָאפְן צוּ דִי בֶּעקֶערִי מֶען זָאל עֶס אִיר בַּאקְן, אָבֶער צוּ אִיר מַזָל הָאט מֶען שׁוֹין פוּנְקְט גֶעהַאט פַארְמַאכְט דִי בֶּעקֶערַיי, אוּן דֶער רֹאשׁ הַקָּהָל שְׁרַייט אִיר אָן מִיט עַזוּת אוּן חוּצְפָּה: אַנְטְשׁוּלְדִיגְט, דָאס בַּאקְן אִיז שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט! מֶען קֶען אַייךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, עֶס אִיז שׁוֹין פַארְמַאכְט...!

צוּבְּרָאכֶענְערְהֵייט אִיז זִי גֶעקוּמֶען וֵויינֶען פַארְן רָב דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הֶערְשֶׁל'עֶר לִיסְקֶער מֶען זָאל אִיר נָאךְ אָפְּבַּאקְן דִי מַצוֹת, קוֹדֶם הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט, עֶס אִיז דָאךְ נִישְׁט מֶער ווִי גֶערֶעכְט: יֶעצְט עֶרֶב פֶּסַח וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין אַלֶעס גֶעפֶערְטִיגְט אוּן עֶס אִיז שׁוֹין פַארְמַאכְט דִי בֶּעקֶערִי הָאט זִי זִיךְ דֶערְמַאנְט צוּ קוּמֶען? ווִילַאנְג נָאךְ דַארְף מֶען הַאלְטְן אָפֶען דִי בֶּעקֶערַיי?! נָאכְדֶעם הָאט עֶר אַרַייְנְגֶעטְרַאכְט, אוּן עֶס הָאט אִים אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ קְלִינְגֶען דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע הָאט אִים גֶעשִׁיקְט זָאגְן, "אַנְשְׁטָאט דִי שַׁבָּת הַגָּדוֹל דְרָשָׁה דַארְפְט אִיר עֶנְדֶערְשׁ אִינְזִינֶען הָאבְּן אַז יֶעדֶער זָאל הָאבְּן מַצוֹת אוֹיף פֶּסַח", אֶפְשַׁר הָאט עֶר טַאקֶע דָאס גֶעמֵיינְט...! עֶר הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעדְרֵייט דֶעם רֹאשׁ הַקָּהָל מִיט דִי גַאנְצֶע קְהִילָה אַז מֶען זָאל צוּרִיק עֶפֶענֶען דִי בֶּעקֶערַיי אוּן אָנְהֵייצְן דֶעם אוֹיוְון, אוּן מֶען הָאט אַייְנְגֶעקְנֶעטְן פְרִישֶׁע טֵייג, אַזוֹי אַז דִי אַלְמָנָה זָאל הָאבְּן פֵיינֶע מַצוֹת אוֹיף יוֹם טוֹב.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז צוּ טוּהן חֶסֶד מִיט אִידְן.

(קונטרס "דערהאלט זיך ברודער")



# דעם רבי'ס נסיעה
## קיין ארץ ישראל

קאפיטל 46

**פארזעצונג פון פריער:** אוֹיפְ'ן וֶועג צוּרִיק פוּן לִיאַדִי, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֶערְט אַז הָרַב הַקָּדוֹשׁ מְנֶעשְׁכִּיז זי"ע אִיז זֵייעֶר קְרַאנְק, און הַאלְט שׁוֹין נָאנְט צוּם הִסְתַּלְּקוּת, הָאט דֶער רֶבִּי בַּאשְׁלָאסְן צוּ פָארְן צוּ אִים, דֶער צַדִיק האט גֶעהֵייסְן מְ'זָאל צוּגְרֵייטְן אַ סְעוּדָה פַארְ'ן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעזֶעסְן אוֹיבְן אָן, און הרה"ק מְנֶעשְׁכִּיז זי"ע הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְן פוּן בֶּעט און אִיז אַרַייְנְגֶעקוּמֶען מִיט זַיין גָאלְדֶענֶעם בֶּעקִיטְשֶׁע צוּם טִישׁ לְכָבוֹד דֶעם רֶבִּי'ן.

...

אַוֶועקְפָארְנְדִיג פוּן דָארְט, אִיז דֶער רֶבִּי גֶעפָארְן צוּם גְרוֹיסְן צַדִיק רֶבִּי צְבִי אַרְיֵה מֵאָלִיק זי"ע, אַ תַּלְמִיד מוּבְהָק פוּן מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זי"ע. און דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט פוּן אִים זֵייעֶר גְרוֹיס, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים אַז עֶר אִיז אַ חָכָם.

גְלַייךְ וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין, הָאט דֶער צַדִיק אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד, און זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט צוּ אִים. עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן אַסַאךְ מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אִיבֶּער דִי עִנְיָנִים פוּן מַרְאוֹת און חֶזְיוֹנוֹת, וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהֶערְט אַלֶעס וָואס הָרַב הַקָּדוֹשׁ מְנֶעשְׁכִּיז זי"ע הָאט גֶערֶעדְט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אִין דֶעם עִנְיָן, און אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען מִיט אִים. וַוייל הָרַב הַקָּדוֹשׁ מְנֶעשְׁכִּיז זי"ע הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעטוּן פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר הָאט גֶעזֶען דֶעם מַלְאַךְ מְטַ"ט מַמָשׁ מִיט דִי אוֹיגְן, און עֶר הָאט אִים גֶעזֶען אַזוֹי און אַזוֹי, און פַאר דֶער רֶבִּי אִיז אַרַייְנְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט הָאט עֶר אִים גֶעזֶען אַזוֹי און אַזוֹי, דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶּער נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען, זָאגְנְדִיג אַז נִישְׁט אַזוֹי זֶעט מֶען דֶעם מַלְאַךְ מְטַ"ט.

און אַזוֹי ווִי הָרַב הַקָּדוֹשׁ מֵאָלִיק זי"ע הָאט שׁוֹין גֶעהֶערְט אִיבֶּער דִי אַלֶע טַעֲנוֹת און וִיכּוּחִים, הָאט עֶר גֶעוָואלְט ווַייזְן פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר זֶעט טַאקֶע יָא בֶּאֱמֶת.

אַזוֹי ווִי סְ'אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען נָאנְט צוּ שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אִיז דֶער רֶבִּי אַייְנְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אִים אוֹיף שַׁבָּת, און בַּיי יֶעדֶע סְעוּדָה הָאט הָרַב הַקָּדוֹשׁ מֵאָלִיק גֶעזָאגְט תּוֹרָה און אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיוֹת, און אִין דִי אַלֶע תּוֹרוֹת און מַעֲשִׂיוֹת הָאט עֶר אַרַייְנְגֶעלֵייגְט רְמָזִים פַארְ'ן רֶבִּין, אוֹיפְצוּאַוַוייזְן אַז עֶר זֶעט בֶּאֱמֶת מַרְאוֹת און חֶזְיוֹנוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶּער בִּכְלַל נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען מִיט אִים, און עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט דֶערוֹיף.

וַוייל אֵיידֶער דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיין צוּ אִים, הָאט עֶר מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען און גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט אִים, און דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעשְׁוִויגְן און אִים גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט אִין דֶעם עִנְיָן.

וֶוען סְ'אִיז אָבֶּער גֶעקוּמֶען מוֹצָאֵי שַׁבָּת, אִיז דֶער רֶבִּי אַרַיין אִין זַיין צִימֶער, און דֶער צַדִיק אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים און גֶעפְרֶעגְט, "אִיר גְלוֹיבְּט מִיר נָאכְאַלְץ נִישְׁט אַז אִיךְ זֶע?! אִיךְ וֶועל אַייךְ גֶעבְן אָפֶענֶע בַּאוַוייזְן אַז אִיךְ זֶע!", און עֶר הָאט ווִידֶער אָנְגֶעהוֹיבְן זָאגְן תּוֹרָה און אוֹיפְוַוייזְן אַז עֶר זֶעט יָא. דֶעמָאלְט הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דֶער לָשׁוֹן פוּן חֲזַ"ל (מְגִילָה כ"ד:), "**הַרְבֵּה צִפּוּ לִרְאוֹת בְּמַעֲשֵׂה מֶרְכָּבָה, וְלֹא רָאוּ אוֹתָהּ מִימֵיהֶם**", אַסַאךְ הָאבְן גֶעוָואלְט זֶען דִי מַעֲשֶׂה מֶרְכָּבָה, זֵיי הָאבְן עֶס אָבֶּער קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען.

פוּן דָארְט הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ צוּרִיק גֶעקֶערְט אַהֵיים, און עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִינְדֶערְהֵיים אוֹיף שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת חֻקַּת, י' תַּמוּז.


ספר

אור חכמים

חברו

ארי שבחבורה. ואספקלריא המאירה. רבא דעמי' מרבנא ואומתי' הישרה. חכמת אלקים האירה פניו כאראלי שחקים. כזוהר הרקיע וכוכבים מבריקים. מעיני תורתו הפיצו למרחקים. יום ליום תביע אומר ודעת. מפיו יצאו רשפי אש דת. צדיק באמונתו יחיה אור רב יושיע הנודע איש חי רב פעלים עטרת תפארת ישראל מנורת המאורה מורינו ורבינו הקדוש והטהור מוהר"ר צבי ארי' המקלה"ה זי"ע ועכי"א.

ונלוה עליו הגהות אמרות טהורות ובאורים על עמקי סתרים אמריו. בכדי להבין שלמו בדרך הישר והטוב כמו שהיה חפצו כל ימיו המה בבן־המחבר הרב הקדוש והטהור מו"ה שמעון שלמה שליט"א המביא לבית הדפוס

ווארשא

בדפוס ר' מאיר יחיאל האלטער נ"י ברחוב מיללע נומר 4.

שנת ולציון גואל תבי"א לפ"ק

ОРЪ ХАХУМИМЪ
АРШАВА
1885

ע נ ד ע



# א סעודה מיט'ן ראש ישיבה

## פרייטאג צונאכטס במדבר תשפ"ב

**שלום אלי' אינדיג פארציילט:** געלויבט דער אייבערשטער אז איך האב זוכה געווען צו זיין ביי די באטע שבת פרשת במדבר, ערב שבועות תשפ"ב אין שטעטל.

### הפצה איז א פיינע ביזנעס

ווען איך בין אנגעקומען האט מען געהאלטן אינמיטן א שיינע שמועס וועגן הפצה, דער ראש ישיבה האט זיך זייער געפריידט צו א מפיץ וואס איז געקומען אויף יום טוב אין שטעטל, ער האט אים געזעצט נעבן זיך, און געוויזן פאר יעדעם: "דער אינגערמאן האט מען ארויסגעווארפן פון א מוסד פארן גיין הפצה, ער איז געווארן זייער פארלוירן, האב איך אים געזאגט ער זאל גיין הפצה וועט ער מאכן מער געלט ווי ער האט געמאכט אין יענע מוסד. דער אינערמאן האט געפאלגט און אנשטאט ארבעטן פון ניין ביז פינף אזייגער, ארבעט ער יעצט נאר צוויי שעה א טאג, און ער מאכט נאך מער געלט.

דער ראש ישיבה האט געזאגט: "וואס מענטשן מאכן אין א וואך קען א מפיץ מאכן אין איין טאג, א דורכשניטליכער אינגערמאן מאכט בערך אכט הונדערט דאלער א וואך, און דאס מאכט א מפיץ אין איין טאג! א מפיץ פון שטעטל דערציילט מיר אז ער האט געוואלט פארן קיין מירון ל"ג בעומר, האט ער זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן, איין טאג גייענדיג הפצה אין א פיצא סטאר האט אים א אינגערמאן געגעבן פיר הונדערט דאלער.

### ליל ששי שיעור אין ארץ ישראל

דער ראש ישיבה האט אויסגערעכנט אין וויפיל פלעצער מען קומט זיך צוזאם אין ארץ ישראל מיטצוהאלטן די שיעור ליל ששי פאר אינגעלייט, אין חיפה האבן די אינגעלייט זיך צוזאם גענומען הערן דעם ליל ששי שיעור ערב שבועות, אפילו דארט איז געווען פיר אזייגער פארטאגס ווען דא איז געווען ניין אזייגער ביינאכט, ווייל זיי קענען נישט צוגיין צום יום טוב שבועות אן די שיעור.

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז מ'איז זיך צוזאם געקומען הערן די ליל ששי שיעור ביים ארטיגן רב וואס איז לעצטענס מקורב געווארן צו היכל הקודש נאכדעם וואס אין זיין חסידות איז געווען א שרעקליכע מחלוקת, און ער האט נישט קיין כח צו מחלוקת.

דער ראש ישיבה האט זייער אויסגעלויבט דער גבאי פון בית המדרש היכל הקודש בלומינגראוו, אז יעדע וואך נאכ'ן ליל ששי שיעור שיקט ער פאר דער ראש ישיבה א ליסטע פון אלע משתתפים ביים שיעור.

דער ראש ישיבה האט געזאגט: "אמאל פלעגט מען קומען צום שיעור ליל ששי פון אלע שטעט קיין וויליאמסבורג, ביז איך האב געהייסן מאכן א לייוו האק-אפ אין אלע שטעט אז מ'זאל נישט דארפן אהיימקומען אזוי שפעט דאנערשטאג נאכט און האבן א צושטערטע שבת, און אז מ'קומט זיך צוזאם אין אלע פלעצער ווייס איך שוין נישט ווער ס'קומט צום שיעור און וועם מ'דארף מעורר זיין צו קומען, אבער אז די גבאים שיקן מיר א ליסטע ווייס איך ווער עס קומט.

דער ראש ישיבה האט דערציילט וואס איין שיעור קען טון. איינער פון די גבאים פונעם בית המדרש אין היכל הקודש וויליאמסבורג האבן געלערנט אלס בחור מיט דער דיין שליט"א אין א געוויסע ישיבה, און ער פלעגט זייער פייניגן דעם דיין פארן זאגן משניות, האט ער שפעטער פארציילט וויאזוי ער איז מקורב געווארן; איינמאל פאר שבועות איז ער געפארן צו עפעס א גרויסע רבי' אויף יום טוב, אויפן וועג האט ער נישט געהאט וואס צו טון, האט ער באמערקט אז ער האט א סידי פון א שיעור פון דער ראש ישיבה, האט ער עס אויסגעהערט. ווען ס'האט זיך געענדיגט האט ער עס איבערגעהערט און איבערגעהערט אפאר מאל, עס האט אים זייער איבערגענומען, און נאך יענע נאכט האט ער שוין אנגעהויבן זאגן משניות, אלעס

<<<<

פון איין דרשה".

**מען שרייט פוי**

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז ער איז געגאנגען געבן א שיעור אין היכל הקודש .... און קינדער האבן אים אפגעווארט און נאכגעשריגן "פוי" וכדו', האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן: "די קינדער ווערן נאך מקורב ווערן, מ'האט זיי געהייסן שרייען פוי, אבער נאכדעם וועלן זיי ווילן אויסהערן די שיעורים וואס מ'טאר נישט הערן, און אזוי וועלן זיי מקורב ווערן. האט זיך א בחור אנגערופן: "פוי איז ראשי תיבות פ'יינע ו'ואוילע י'ודן", דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט פון דעם ר"ת.

אינמיטן איז דער דיין שליט"א אנגעקומען צום באטע, און דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן רעדן פונעם דיין, אז ער איז געווען פון די תלמידים ביים ראש ישיבה (נאך אין די פריערדיגע מוסד ווי דער ראש ישיבה איז געווען איינגעשטעלט), וואס האבן דורך געלערנט גאנץ שלחן ערוך אורח חיים און יורה דעה, ביז מ'האט ארויסגעווארפן דער ראש ישיבה פון יענע מוסד. דער ראש ישיבה האט געזאגט: "דעמאלט איז געווען אזא מחלוקת, אז אפילו די נענסטע תלמידים האבן זיך נישט געקענט דערהאלטן, חוץ דער דיין שליט"א האט זיך יא געהאלטן.

**האט גראפאלאגיע א מקור?**

דער ראש ישיבה איז אריין אין א שמועס פון גראפאלאגיע, אז היינט איז דא זייער אסאך מענטשן וואס ווילן נישט גיין צו א שידוך ביז ווילאנג מ'געבט די שריפט פאר א גראפאלאג, ס'האט זיך אנגעהויבן אין ארץ ישראל, און יעצט ווערט עס צוביסלעך איינגעפירט דא אין אמעריקע, עד כדי כך אז ס'איז שוין דא גרויסע אדמורי"ם וואס זאגן פאר די חסידים אזוי זיך צו פירן, ווען באמת האט דאס נישט קיין שום מקור אין די תורה אדער אין קבלה.

דער ראש ישיבה האט פארציילט א מעשה פון א בחור וואס איז געקומען וויינען צו אים אז מ'טראגט אים אן א פיינע שידוך אבער די מאמע האט געגעבן די שריפטן פאר איינעם, און יענער זאגט אז די נעמען שטימען נישט, האט אים דער ראש ישיבה געהייסן אויפשרייבן די נעמען אויף א צעטל און דער ראש ישיבה האט אויפגעהויבן די צעטל און עס געשאקלט און געקוקט, און געזאגט אז די נעמען שטימען יא... דער ראש ישיבה האט אים געזאגט:

"זאג פאר דיין מאמע אז דו ביסט געווען ביי א גרויסע מקובל אין ברוקלין (נישט אין וויליאמסבורג, ס'ווערט נישט ארבעטן, נאר ברוקלין), און ער זאגט אז די נעמען שטימען יא!..." און זיין מאמע האט עס אפגעקויפט און די שידוך איז ברוך השם געווארן.

דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט אז נאך די חתונה ווען ס'ברעכט אויס א סכסוך אין שטוב, קומט דער יצר הרע און זאגט פאר די מענטש: "דער מקובל האט דאך געזאגט אז די נעמען שטימען נישט"...

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז די גאנצע זאך פון גראפאלאגיע הייבט זיך נישט אן און ס'לאזט זיך נישט אויס, דער גראפאלאג זאגט פון אלע זייטן פראבלעמען אויף מענטשן און ס'איז טאקע אמת, ווייל היינט גייט אריבער אויף מענטשן אזוי סאך שוועריגקייטן אז וואס דו וועסט נאר זאגן גייסטו צוטרעפן.

דער ראש ישיבה האט דערציילט: אלס אינגערמאן איז ער אריין אין א ספרים סטאר, און ער האט געזען א ספר וואס שרייבט די מדות פון אלע נעמען, האט ער אויפגעמישט צו יואל, האט ער געזען אז זייער אסאך זאכן זענען ממש זיין נאטור, איז ער געווארן זייער נתפעל. נאכדעם האט ער געטראכט "לאמיר זאגן איך הייס אברהם..." האט ער אויפגעמישט צו אברהם, האט ער געזען אז זייער אסאך זאכן זענען ממש זיין נאטור, האט ער געכאפט אז ער רעכנט אויס נאטורן פון אלע זייטן, ממילא טרעפט ער צו. די זעלבע איז ביי גראפאלאגיע.

אויך האט דער ראש ישיבה דערציילט אז א בחור איז אריינגעקומען צו לויפן אין אפיס אינגאנצן צוקאכט, און ער שרייט: "איך האב א מאגינעט וואס אויב מ'האלט עס ווערט מען זייער שטארק, קוק, ס'ארבעט!", דער ראש ישיבה האט געלאכט, און אויסגעפירט די מעשה מיט א גרויסע שמייכל, און געזאגט: **"איך גלייב אינעם אייבערשטן"**.

נאכן בענטשן האט מען אריינגעברענגט ניסלעך, און איינע פון דער ראש ישיבה'ס קינדער האבן געפרעגט דער ראש ישיבה אויף עפעס א געוויסע מין ניס וועלכע ברכה מאכט מען אויף דעם, האט דער ראש ישיבה געענטפערט: "אויף אלע ניסלעך מאכט מען 'בורא פרי העץ', חוץ אויף אמעריקאנע ניסלעך (פינאטס), ווייל אמעריקע איז אין דער ערד..."

# נקודות טובות

געהערט פון אנשי שלומינו

## בליצן און נאטיצן אויפן לעבן צו ניצן

יוסי כ"ץ - בני ברק טיילט מיט:

שבת נחמו אין אילן החיים קאנטרי פארן דאוועגען, האט דער ראש ישיבה ביי די שיעור פון פעולות הצדיק ארויסגעברענגט ווי וויכטיג עס איז צו האבן ערליכע מלמדים פאר אונזערע קינדער, דער ראש ישיבה האט געזאגט: "ביי אונז אין תלמוד תורה בין איך מקפיד אז יעדער מלמד זאל האבן א שיעור אין זוהר, אפילו אביסל, זוהר אדער תיקונים מוז מען לערנען, דאס הייליגט און רייניגט א מענטש, א מלמד וואס לערנט מיט תינוקות של בית רבן שלא טעמו טעם חטא מוז האבן א ספעציעלע ריינקייט ארייצוגעבן אין די קינדער אמונה".

אגב וואס דאס איז אפגערעדט אז עס איז נישט דא אזא זאך א מלמד זאל אריינגיין אין קלאס אן קיין מקוה, אפילו עס זאל זיך מאכן אז א מלמד פארשפעטיגט וכדומה, אבער א מקוה איז א חיוב אויף א מלמד וואס לערנט מיט קינדער.

### אומאן איז ווי א דאקטער'ס אפיס

דער ראש ישיבה האט נאכגעזאגט פון מוהרא"ש בנוגע דעם ענין אז מענטשן האבן חלישת הדעת אז מען זעט אין אומאן אלע סארטן מענטשן, מען טאנצט און מען שפרינגט, עס זענען דא דארט מענטשן מיט אלע סארטן קליידונג וכדומה.

האט דער ראש ישיבה געזאגט אז דער רבי איז א דאקטאר, אומאן איז א שפיטאל, און מיר קומען זיך אלע היילן ביים רבי'ן, אז דו וועסט גיין צו א שפיטאל די דארפסט אמערדשענסי אן אפעראציע אויף דיין אויגן, און אין די ווארט זאל זעסטו איינער וואס איז געקומען צום דאקטער געבט אזא קלאפ יעדע פאר סעקונדעס, א צווייטער מיט די נערוון שאקלט זיך ממש ווי א מטורף, וועסטו אנטלויפן פון שפיטאל? ניין, איך דארף מיך היילן אויף מיינע אויגן, און יענער איז זיך געקומען היילן אויף זיין מחלה, נו וואס האט דאס מיט מיר.

### א קריאת התורה פול מיט לימודים

דאנערשטאג פרשת עקב האט דער ראש ישיבה אויסגערופן די עליות אין ישיבה, אויך האט דער ראש ישיבה געליינט.

איך האב באמערקט אפאר אינטרעסאנטע זאכן בשעת'ן ליינען; צו כהן האט דער ראש ישיבה אויסגערופן מו"ה אברהם משה שטראססער שליט"א, ער האט געהאט א יונגעלע למזל טוב א טאג בעפאר, פארן קריאה האט ר' אברהם משה געפרעגט דעם ראש ישיבה אויב ער זאל גומעל בענטשן, דער ראש ישיבה האט נישט געענטפערט, נאר ער האט אנגעהויבן ליינען, נאך דער צווייטע ברכה האט דער ראש ישיבה זיך געגעבן א רוף אן צו אים: נו ברוך... מיט אזא לשון ווי ער זאל גומל בענטשן, דאן האט ר' אברהם משה טאקע געבענטשט ברכת הגומל.

דער ראש ישיבה האט הויך געענפערט: 'מי שגמלך כל טוב **הוא יגמל איתי** כל טוב סלה'.

בשעת'ן ליינען האט דער ראש ישיבה זיך

צופייערט ביי די ווערטער "**וזכרת את כל הדרך אשר הוליכך ה' אלקיך זה ארבעים שנה במדבר למען ענתך לנסתך לדעת את אשר בלבבך**", ר' אברהם משה האט מיר נאכדעם געזאגט אז ער האט געהאט אזא התעוררות ביי די ווערטער, עס האט אים דורכגענומען אלע ביינער ביי די ווערטער, עס האט זיך פאר אים פארטייטשט **וזכרת את כל הדרך...** זאלסט געדענקן די גאנצע וועג ווי אזוי דער אייבערשטער האט דיך געפירט **זה ארבעים שנה** די גאנצע פערציג יאר (דער מנהל איז יעצט אין זיין פערציגסטע יאר) **לנסותך** אלעס איז געווען למען הבחירה והנסיון, אויך איז עס געווען דערפאר כדי '**לדעת את אשר, בלבבך**', כדי אריינצולייגן די **דעת** פון **אשר בנחל, בלבבך**, אין דיין הארץ)

דערנאך האט מען געליינט לוי, האט זיך דער ראש ישיבה אפגעשטעלט, מיר האבן זיך צוגעריקט האבן מיר געזען אז עס איז געווען א טראפ אין די אות מ' פון איינע פון די ווערטער ביי די עליה פון לוי, דער ראש ישיבה האט הויך געפרעגט 'חק תוכית?' און דערנאך געבעטן א מעסערל און אפגעקראצט די מיטן פונעם מ'.

## המפיץ ר' נתן יאקאבאוויטש שליט"א דערציילט:

ביים באטע פרייטיג צונאכט פרשת ואתחנן האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט איבער שידוכים אז מען טראגט אן א שידוך פאר א בחור, און ער זאגט איך ווייס נישט אויב עס איז באשערט וכדומה, האט ר' נתן געזאגט עס איז אזוי ווי די שטייסט אין פיצא געשעפט די באשטעלסט דיך א פיינע פיצא, און די ווארטס אין די רייע אז דיין פיצא זאל פערטיג ווערן, און ווען דער קעלנער קומט צו דיר מיטן פיצא און הייבט אן שניידל מיט די רעדל מאכן סלייסעס, און דו הייסט אן שפעקעלירן: איז דאס טאקע די באשערטע פיצא פאר מיר...

## משה בלוי - לאנדאן געבט איבער:

מיר האבן שפאצירט מיטן ראש ישיבה די וועג צוריק שבת אינדערפרי פון אילן החיים, מיר זענען אריבער די אשר בנחל שול, דער דיין האט נאך געהאלטן אינמיטן פארלערנען סיפורי מעשיות. דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר די בחורים: "גייט אריין, הערן אפאר שיינע דיבורים פונעם דיין".

ווען איך בין אריין האב איך געהערט דער דיין שליט"א זאגט: "נחמו נחמו עמי יאמר אלקיכם, ווי אזוי איז מען מנחם א איד ווי אזוי קען זיך א מענטש טרייסטן פון אלע זיינע צרות נחמו נחמו עמי, יאמר אלקיכם, זאג: אייבערשטער, רעד צום אייבערשטן דאס איז די וועג ווי אזוי די קענסט טרעפן א טרייסט אין דיין לעבן".

## יוסף שארף דערציילט:

ביי די לעצטע שיעור וואס דער ראש ישיבה האט געגעבן אין לעיקוואד, איך האב דעמאלט נאכנישט געלערנט אין ישיבה, אבער איך האב שוין געהאט געהערט א סאך דרשות, און איך האב שוין געהערט אסאך איבער די סדר דרך הלימוד. איך בין אריינגעקומען צום שיעור און דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן מיט א מין פרישקייט כאילו עס איז יעצט די ערשטע מאל ער זאגט דאס: "טייערע אידן עס איז דא א וועג צו לערנען וואס ווער עס לערנט אויף די וועג וועט נישט אריבער גיין א טאג אן לימוד התורה, און וועט זוכה זיין צו שפאצירן אין אלע חלקי התורה, די קאפ וועט זיך אים עפענען, דער הייליגער רבי זאגט אז מען זאל נעמען א משניות א חומש א גמרא און זאגן די ווערטער".

די ווערטער זענען געזאגט געווארן מיט אזא תמימות, מיט אזא אמת, אז ווער עס האט עס געהערט האט זיך מקבל געווען אז ער וועט נאכאמאל אנהייבן לערנען אויפן הייליגן רבינ'ס וועג.

בס"ד

# KB POWER
ELECTRIC AND PLUMBING

For all your

**electric and plumbing needs**

Appliance installation » Appliance repair » Hot water/boiler repair » Water filters » LP conversion

Fixtures installation » Spot lights » 220V lines » Under counter lights

**347·666·8029**

KBPOWER27@gmail.com




# אַ וָוארְט פוּן אַ צַדִיק

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. דֶער צַדִיק רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נָאנְט צוּ זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב; עֶר הָאט אִים זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט, עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ אַוֶועקְפָארְן אוֹיף וַוייטֶע פְּלֶעצֶער צוּ טוּן שְׁלִיחוּתְ׳ן פַאר זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. וִויבַּאלְד עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט מֶער זַיין וַוייבּ, זִי אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, פְלֶעגְט עֶר אִיבֶּערְלָאזְן זַיין זוּן שִׂמְחָה בַּיי אָדְל, דִי טָאכְטֶער פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב.

אֵיינְמָאל וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן זַיין טָאכְטֶער דִי צַדֵיקֶת אָדְל, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען דֶעם קִינְד שִׂמְחָה, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אָדְל: ”דֶער אִינְגְל גֶעפֶעלְט מִיר!“


”דֶער אִינְגְל גֶעפֶעלְט מִיר!“

אָדְל הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב מֵיינְט צוּ זָאגְן, זִי הָאט אָבֶער גֶעוְוִיסְט אַז יֶעדֶעס וָוארְט פוּן אַ צַדִיק הָאט אַ בַּאדֵייט; זִי הָאט זִיךְ אַיינְגֶע׳חַזֶר׳ט דִי וֶוערְטֶער וָואס אִיר טַאטֶע דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִיר גֶעזָאגְט.

שְׁפֶּעטֶער, וֶוען שִׂמְחָה אִיז גֶעוָוארְן דְרַייצְן יָאר, אוּן פֵיגֶא דִי טָאכְטֶער פוּן דִי צַדֵיקֶת אָדְל אִיז גֶעוָוארְן גְרֵייט חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן, הָאט זִיךְ אָדְל דֶערְמַאנְט אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן אִיר טַאטֶע וָואס עֶר הָאט אִיר גֶעזָאגְט: ”דֶער אִינְגְל גֶעפֶעלְט מִיר“; זִי הָאט זִיךְ פַארְוואוּנְדֶערְט: ׳פַארְוָואס הָאט מִיר מַיין טַאטֶע גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער? מוּז זַיין עֶר הָאט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן אִיךְ זָאל זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט דֶעם קִינְד׳.

אַזוֹי הָאט זִי גֶעטוּן, זִי הָאט זֵיי חֲתוּנָה גֶעמַאכְט, אוּן פוּן זֵיי אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגֶא וּבֶן שִׂמְחָה.

קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז וֶוען אַ צַדִיק זָאגְט אַ וָוארְט אִיז דָאס מִיט אַ כַּוָונָה, אוּן אוֹיבּ מֶען לֵייגְט גוּט צוּ דִי אוֹיעֶרְן, מֶען הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט פוּנֶעם צַדִיק, אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל פַארְשְׁטֵיין דִי מֵיינוּנְג דֶערְפוּן - אִיז מֶען זִיכֶער אַז מֶען טוּט גוּט, מֶען גֵייט אוֹיפְ׳ן גוּטְן וֶועג.

# מעשה פון תפלה פאר קינדער

**חי' וועבערמאן פון קרית ברסלב פארציילט:**
איך האב זייער שטארק געוואלט מיין באבע זאל קומען צו די בית פיגא פלעי, איך האב געטראכט אז איך גיי בעטן דעם אייבערשטן:




# נאך וועם הייס איך?

**איך הייס:** מרדכי פאפנהיים נרו יאיר - תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים

**נאך:** מיין זיידע הרה"ח ר' מרדכי הלוי ווייס ז"ל

## אביסל איבער אים

מיין זיידע איז געווען פון די ערליכע אידן אין ירושלים.

ער האט זיך אפגעשיידט פון די ערב רב די ציונים וואס זוכן נאר אויסצורייסן די אמונה פון אידישע קינדער רחמנא לצלן, און ער האט נישט נהנה געווען פון זיי אפילו א שווה פרוטה, ער האט געפירט מערכות הקודש קעגן די ערב רב און איז געשטאנען אייביג צו די רעכטע האנט פון הרה"צ ר' עמרם בלוי זצ"ל.

ער האט מייסד געווען א צדקה קאסע מיט נאמען "קופת עזרה שומרי חסד" וואס מיט דעם פלעגט ער שטיצן ערליכע אידן אין ארץ ישראל וואס האבן זיך אינגאנצן אפגעשיידט פון די ערב רב, סיי ווען מען האט געדארפט האבן א קינד און סיי ווען מען האט געדארפט לא עלינו צוקומען צו דאקטוירים. וואס געווענליך באקומט מען עס פון די רעגירונג. און ברוך השם עס גייט נאך ווייטער אן ביז היינט.

ער איז זיין גאנצע לעבן ארומגעפארן אין די וועלט שאפן געלט פאר דעם חשובן צוועק.

ער איז נסתלק געווארן בשעת ווען ער איז געווען אין לאנדאן גייענדיג נאך געלט פאר דעם הייליגן צוועק.

איך בעט דעם אייבערשטן אויך צו זיין ערליך מיט די קלארע אמונה א גאנץ לעבן. יהי זכרו ברוך

**געשריבן דורך:**
*ר' יצחק פפנהיים הי"ו - ירושלים עיר הקודש*



**אויפן בילד:**
הרה"ח ר' מרדכי הלוי ווייס ז"ל

# טרעף די פאלגנדע ווערטער

## ווייל די עיקר אידישקייט זאגט די הייליגע רבי איז זיך פירן בתמימות ובפשטות

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| נ | נ | פ | ש | ל | א | ד | ג | ע | צ | צ | ג | ד | כ | ט | ז | א | ק | א | מ | פ | ס | ל |
| ס | נ | ד | כ | ד | ז | פ | ט | פ | ס | ל | ב | ט | כ | כ | ו | א | ע | ה | ו | ב | ג | ו |
| א | ט | ל | ג | ש | ו | ב | ו | צ | מ | ה | י | ת | ז | ה | ש | ע | מ | ס | ת | ב | ד | א |
| ע | ג | כ | ה | כ | ז | פ | ח | ק | ל | י | י | י | ע | ד | ד | א | נ | מ | א | פ | ב | ט |
| ז | ל | ש | כ | ז | ו | ז | פ | ק | ק | ה | א | י | א | ח | ר | ק | י | ע | ק | ט | ל | ז |
| ד | א | ק | ב | מ | ה | כ | ט | ש | כ | ו | ח | ת | ל | נ | א | מ | ש | ד | ז | ב | ז | צ |
| ה | ש | ג | כ | פ | א | ג | י | ג | ב | ו | ק | ל | ז | י | ו | נ | ר | י | פ | ד | ח | י |
| ר | ר | ז | ט | ב | נ | ד | א | ז | ד | י | ר | פ | ג | ת | ג | ב | ג | מ | י | ט | א | ח |
| ז | ב | נ | ב | ק | י | כ | ע | ע | א | י | ז | ה | ק | פ | ה | ע | פ | ל | ס | ח | ז | צ |
| ש | י | ה | ע | א | ה | ש | מ | א | נ | ל | י | ח | ל | ט | מ | ח | נ | ש | ד | י | כ | ע |
| ב | ו | כ | ו | י | ו | ז | נ | י | ר | ב | ה | ל | מ | כ | צ | כ | א | ש | ט | ר | ק | ג |
| ל | ז | ח | ל | ל | צ | ב | מ | ר | ר | כ | ל | ז | ז | ת | פ | א | ס | י | ד | ו | צ | פ |
| צ | צ | צ | ק | ב | כ | ו | ח | פ | כ | ק | פ | ה | ע | י | א | ה | א | א | ש | ר | ת | ש |

העלף נחמן נתן זיך איינפאקן
די רענצלעך צו פארן אויף אומאן







# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | | 6 | | |
| | | | | | 3 |
| | | | 4 | | 1 |
| 2 | | | | | |
| | 4 | 2 | | | |
| 6 | | | 3 | | |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | 9 | | | | | | 8 | |
| 6 | | 5 | | 2 | | 1 | | 3 |
| 1 | 3 | | | 8 | | | 5 | 7 |
| 9 | | | 5 | 4 | 6 | | | 8 |
| 5 | | 8 | 1 | | 3 | 6 | | 9 |
| 3 | | | 2 | 9 | 8 | | | 5 |
| 7 | 6 | | | 1 | | | 3 | 2 |
| 8 | | 3 | | 6 | | 9 | | 1 |
| | 1 | | | | | | 6 | |




## א שיעור מיטן רבי'ן

### אמת

**לח.** עַל יְדֵי יִרְאָה בָּא לָאֱמֶת.

**טייטש.** דורְךְ יִרְאַת שָׁמַיִם קוּמְט מֶען צוּ צוּ אֱמֶת.



## חידות
### אפטיילונג

רבי נתן האט געזאגט: אויב מען דאווענט נישט ערליך יום כיפור

א. דאווענט מען א טאג נאך יום כיפור

ב. איז א נישט גוטע סימן פאר די מענטש

ג. וועט ער זיך מוטשען מיטן דאווענען א גאנץ יאר

ד. וועט ער נישט האבן קיין שפע א גאנץ יאר

שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:

שאלה: דער הייליגער רבי זאגט: אויב איינער שפירט נישט קיין טעם אין עסן, זאל ער וויסן אז

ענטפער: דער אייבערשטער איז אוועקגעגאנגען פון אים

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז
**אליעזר שלמה בלום נ"י - בית שמש**
שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה פרשת ראה?

## פון אויבן אראפ.

1. נישט רעדן פון אנהויב _____ ביז'ן סוף, וועסטו האבן א ישועה

2. א איד טאר נישט גיין מיט א _____ קאפ אפילו פאר איין סעקונדע

4. דער רבי האט געזאגט, א _____ געכאפט און פרייליך געקלאפט

5. _____ זיך מיט'ן לערנען יעדן טאג חומש, משניות און גמרא

6. זאג יעדן טאג אפאר קאפיטלעך _____, און בעט פאר דיינע קינדער

8. דעם רבינ'ס _____ האבן א שטארקע כח, עס שלעפט דעם מענטש צו דינען דעם אייבערשטן

10. עס ווערט א _____ אין הימל, ווען א מענטש עפנט די מויל און זאגט א ווארט צום אייבערשטן

12. דער וואס _____ יעדן טאג דער הייליגע גמרא, דער לעבט א חיים טובים

14. זאג די _____ פון תורה, וועסטו ווערן א גרויסע צדיק

15. גרייט זיך אן מיט אלעס, בעיקר מיט תפלה, צו פארן צום רבי'ן אויף ראש השנה

## פון רעכטס צו לינקס.

3. די אלע וואס טענה'ען זיך, ביים סוף פאלן זיי אין ליצנות און זיי ווערן אויך _____

7. גיי אביסל _____ מיט'ן אייבערשטן, בעט אים צו בלייבן פארבינדן ביים רבי'ן

8. שבת ביי די _____ זאלסטו זיין נאר פרייליך

9. די עצתו אמונה, די שיעורים, מאכן פאר אן _____ איד, מען באקומט א געפיל צו אידישקייט, צו איידלקייט

11. גיי דאווענען מיט מנין, וועסטו האבן א _____ אין דיין געלט

13. ביים רבי'ן איז_____ _____, געווען עבודת השם יתברך

16. _____ איז נישט קיין צייט פון מאכן ביזנעס

17. האלט זיך ווייטער מיט אנשי שלומינו, דיר _____ גוט זיין

18. א טאג אן לערנען און דאווענען איז נישט קיין _____

19. מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן מען זאל בלייבן _____, מען זאל זיך ציען צו גוטס



### די ענטפערס פון פאריגע וואך



# בילדער
## אפטיילונג







עס ווערט צוגעשטעלט פאר די בחורים פיינע זופ לכבוד שבת קודש ביים ראש ישיבה אינדערהיים




דער ראש ישיבה גייט אדורך מיט די שוחטים די פראקטיק און די הלכה פון א שוחט מעסער







קידוש פון הילדה ריזל בת ר' יואל אפענהיים הי"ו - ב' ראה




וואכנאכט פון הילד אהרן צבי נ"י בן המנהל מו"ה אברהם משה שטראססער שליט"א - ג' ראה




ברית פון הילד אהרן צבי נ"י בן המנהל מו"ה אברהם משה שטראססער שליט"א - ד' ראה







**סיום 101 משניות פון האברך החשוב מו"ה הערשל בוים הי"ו בן מו"ה דניאל בוים שליט"א - ב' ראה תשפ"ב**




**ביים אנגרייטן די ערד הארט נעבן בנין היכל הקודש אין אומאן צו גיסן קאנקריט פאר די וואסער רעזערוו**




**מען גרייט אן די גליונות צו פארשפרייטן אין מאנטריאל קאנאדא**




**הערליכע סיום אין שטעטל מיט די קינדער פון תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל**

# מעמד חנוכת הבית פאר׳ן בנין קרן הדפסה היכל הקודש ליבערטי זונטאג שופטים ב׳ דר״ח אלול תשפ״ב







יושב ראש מו״ה העניך אינדיג הי״ו



מו״ה יואל שניטצלער מכון עצתו אמונה פארציילט אביסל פון אינטער די קוליסן



המפיץ מו״ה ראובן בירנבוים הי״ו ביי זיין דרשה



הערליכע מתנה ווערט איבערגעגעבן פאר׳ן נדבן הבנין



לעדערנע ליקוטי מוהר״ן ווערט אויסגעטיילט פאר די נדבנים



דער דיין שליט״א ביים לייגן א מזוזה